## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער טויט פון ה. ראלין און פון סידני גאלדבערג האט באריבט די פועלי־ציון פון פארשטייערס פון צוויי דורות אין אונזער באוועגונג. ה. ראלין האט באלאנגט צו דעם דור פון דער יידישער עמיגראציע וואס איז געקומען קיין ענגלאנד פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה. א דור וואס איז דערצויגן געווארן אויף די טראדיציעס פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום, וואס האט גערעדט געטראכט און געשאפן אין יידיש און געווען אנגעזאפט מיט יידישער קולטור. סידני גאלדבערג באלאנגט צו דעם יונגען דור, וואס איז דערצויגן געווארן אין ענגלאנד און האט באקומען א זייער איבערפלעכלעכער יידישע דערציאונג. ער האט נישט גערעדט קיין יידיש, הגם ער האט פארשטאנען די שפראך און איז שטארק באאיינפלוסט געווען דורך דער משפחה און דער יידישער סביבה אין וועלכער ער איז אויפגעוואקסן. סידני גאלדבערג איז געבוירן געווארן אין לאנדאן אין דעם יאר 1920. אלס קליין יינגל האט ער געהערט וועגן דעם אלגעמיינעם שטרייק פון די ארבעטער אין ענגלאנד אין 1926 וועגן די הונגעריקע אין די 30קער יארן. אין דער לאנדאנער איסט־ענד האט ער אויך געזען דעם וווקס פון ענגליש פאשיזם מיט אסוואלד מאסלי בראש . . . ווען ער איז געווען 19 יאר אלט איז ער געווען דער פארזיצער פון דער לאנדאנער יוגנט־סעקציע לייבאר פארטיי . . . נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער דעם איינפלוס פון די מלחמה־געשעענישן און דעם יידישן חורבן איז סידני געווארן א מיטגליד פון די פועלי ציון א טייל פון יעזשערסקיס ארטיקל ביי דער לעבעדיקער יידישער צייטונג עס האבן נאך דערציילט זכרונות איבער חבר ראלין ע״ה.

יוסף לעפטוויטש און סעם דרין, וואס איז דא איצט אויף א באזוך אין לאנדאן פון אמעריקע.

* * *

פראפעסאר סאל ליפצין פון ירושלים, דער איבערזעצער פון י. ל. פרץ, האט פארבראכט לעצטנס אייניקע וואכן אין ענגלאנד און זיך געטראפן מיט פריינט דא אין לאנדאן.

דוב נוי, פראפעסאר אין ירושלים־אוניווערזיטעט פאר יידישן פאלקלאר איז געווען דא אין לאנדאן, אויף זיין צוריקנסיעה פון אמעריקע קיין ישראל. ער האט גערעדט ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאכמיטאג מכוח די וויכטיקייט פון פאלקלאר.

* * *

די שוועסטער פון נ. רובין, איז לעצטן חודש געשטארבן. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט און זיין ליבע פרוי.

* * *

אונזער טיפן מיטלייד צו פריינט ישעיה מאיר מייזעל צום טויט פון איינציקן זון דר. מייזעל.

* * *

עס איז געקומען א גרויסער עולם אויפן ריינעם בית־עולם ביים שטעלן די מצבה אויפן קבר פונם שרייבער און סעקרעטאר פון ייווא, מיכאל זילבערבערג.

* * *

אויף דער אויסשטעלונג אין דער וויטשעפל ארט־גאלעריע אין דעם חודש קאן מען זען בילדער פון יאנקל אדלער, דוד באמבערג און די לאנגע יוסף הערמאן.

* * *

דער באקאנטער אקטיאר מאיר צעלניקער האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע. ער געפינט זיך שוין אין דער היים און עס גייט אים בעסער. מיר פפינטשן אים א רפואה שלימה.

* * *

דער באקאנטער אקטיאר און זינגער לעאן בלומענזאן איז נישט געזונט מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

* * *

לידי הענריקעס, די אנגעזעענע קולטור־טוערין אין ווייטשעפל און מאלערין געפינט זיך אין שפיטאל מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

* * *

דר. מאיר גערטנער איז געווארן אויסגעוויילט ווי א מיטגליד — א „פעלאו" — פון דער אקספארד אוניווערזיטעט; ער וועט האלטן לעקציעס איבער דער העברעאישער ליטעראטור. די פונדאנציע איז אויפן נאמען פון געוועזענעם טשיף־ראביי אין מלכות ענגלאנד דר. הערץ ע״ה.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 9־7 (העפט 406) 33־סטער יאר סעפ.-אק.־נאוו. 1972 לאנדאן


## לכבוד חנוכה תשל״ג

אז אין דעם גלגלים געדריי,
פון מילע־מעלאסן זונען,
מיט אונזער בליי־דריידערל,
דעם „בעתה" דאך אויסגעפונען;

איז א סדר אין דער וועלט דא,
אין שלעכטן ווי אינם גוטן —
א ליכטיקייט נאך אויפלייכטן,
און ס׳וועט הער מענטש נישט פארבלוטן.

פון דעם ראד און רעדל געיעג,
פון איין פאלק ווילד ארום צווייטן,
צייטיק אצינד זיך באווייזן,
די „באחרית־הימים"־צייטן.

זע, אין קליינסטן מינדסטן אטאם,
גאנצע גלגלים גאר קרייזן — —
יא, מיטן „המעט מכל עם",
אלע פעלקער זיך דערלייזן.

## די לעצטע תפילה פונם אר״י הקדוש

(פיר הונדערטסטע יארצייט 1534-1572)

די תעניתים, די טבילות, די יחודים געמאכט,
גימטריאות,ראשי־תיבות געזאגט צום פרט;
אשמדאי און סמא״ל און לילית די קליפה,
געבונדן אין קייטן, כמעט שוין, אין האנט געהאט.

ראפטים א תרדימה אנגעפאלן אויף אים,
פון זיך אליין נאך ליפן שעפטשען מיד און מאט :

„איז וואס אז מ׳ווייסט אלע רמזים, צרופים,
אפילו סוד פון שם־המפורש צונויפשטעל — —

שם ישמרינו, חלילה, זיך אויסלאזן גאר,
א שווארצער גלגול-כלב וואס ווארט פאר דער שוועל.

„אין איין אות מיך בלויז טועה זיין, אין א נקודה,
און פון אלע סיגופים, השבעות — א תל ;

„אז וואס בלייבט דען פונם ש ד י אן א ייד — ש ד !
רחמנא, א פראסטער ייד שטארבן פאר מיין צייט,
נאר נישט א מין יוסף דילה ריינה ווערן — —
צום „בעתו" האך נאך אזוי אין-סופיק ווייט.

„אך, איך פאל אונטער גלות-השכינה-יאך, כ'זינק,
דער שיר-השירים-צער — פון אלע ליידן ס'לייד —"

* * *

אין תשעה-קבין טרערן פון זיינע אויגן,
האט ר' חיים וויטאל אים מטהר געווען :
„ת'א חזי : 'בצלם אלוקים ברא אותו',
צי האט שוין ווער אזא מת-טהור ווען געזען ?

„גאט, גלות-גלגול פון 'ארבע מאות שנה',
חוזר חלילה או אזוינס ס'איז אונז געשען".

## 12טער אויגוסט — 20סטע יארצייט

— אויפן אומבאקאנטן קבר פון די קדושים שרייבער —

א

פרעגנדיק גרויס אויג, אויפגעריסן,
שווער אראפהענגט גרימיק-גרויליקע ליפ —
הער, פון א לעער-אויסגעהוילט הארץ,
עכא-כארכל, שווער-טרוקענער כריפ :

„צווישן אזעלכע קדושים-שענדער
נישט צו זיין שוין מער, אשרי, ווי וואויל;
בלויז דער פארדראס, פון בליי פון יידישן אות,
אונז צו שיסן, געגאסן די קויל.

ווידערקול — ווידוי-קלאפ פויסט אין ברוסט,
דעם שאס אזוי דייטלעך נאך מען הערט —
אויגן פארבונדענע — פארשפילטע,
אין קדישה-שווייס פון שטיף-מאמע ערד —

פרעגנדיק גרויס אויף איינגעשרומפן,
שווער אראפהענגט צער-צעציטערטע ליפ —



שווארצלעך טונקלט שקיעה ארום !
כ'הער א שטיל איינגעהאלטענעם געכליפ —

ב

דער חלום, טויזנטער יאר געחלומט,
איז ער קוים א פוסטער טרוים געווען גאר ?
שלאפנדיק איז די ווילדסטע חיה גוט,
אבער אן אויפגעוואכטע אויף דער וואר ?

שיר-המעלות, וואו בישט אויסגעקלעטערט,
מיט אונזער חלום געקומען אהין,
אט-אט ער ווערט מקוים — ליגן גאר
געשאכטענע אונזערע בעסטע זין ?

איז א ליגן, איז א נאר א חלום,
מלא שחוק, א בייזער געלעכטער נאר ?
טרוימענדיק איז די בלוטיקסטע חיה גוט,
בלויז אן אויפגעקומענע אויף דער וואר ?

„אז ימלא שחוק פינו", באוואכטע
באווארנט אין אייגענעם שלום-לאנד,
אויף דער וואך, אויף דער וואר אים אנגעטאפט
דעם חלום — מענטש געברידערט האנט אין האנט.

ג

וואלט איך געוואוס אצינד, פרץ מארקיש,
דיין הייליק געביין וואו עס טוט ליגן,
מיילן ווייט וואלט איך געגאנגען אנצוקומען
און אין דיין קבר אריינגעשריגן —

נישט מיט הוילע ווערטער — מיט געזאנגען !
יא, מיטן „קל מלא רחמים"-ניגון :
דיין בלוט און פלייש, דיין איינציק קינד, דיין זון,
נאך ישראל ר'וועט זיך אהינקריגן.

דיין ווייב, זי וועט דארט א באבע ווערן,
ווי אומשטערבלעך אזא פארגעניגן —
דיין איינעקל אויף דער הייליקער ערד
מיט דיינס א ליד זי וועט עס איינוויגן :

„אונטער וויגעלע, קלאר-ווייס ציגעלע,
טוט נישט האנדלען — א העלד, וואס וועט זיגן
איבער די בייזע שונאים אונזערע,
וואס באפאלן אונז ווי זלידנע פליגן !"

## צום 25סטן יאר מדינת - ישראל (29′סטן 11′טן 1947)

א, אינם גערא‌נגל אצינד, ישראל,
עס טוט זיך וואלף מיט שעפס נישט פיטערן;
פאר די ריטער־שפרינגענדיקע שאך־גענג
ווי טוט דאס הארץ טיילמאל איפציטערן.

ווי בלוטיק דער קאמף פאר שטיקל לעבן,
אפילו ווען מען איז דער גערעכטער;
דאך די צהלה־פרייד מיט דיינע זין,
דער שטאלץ מיטן חן פון דיינע טעכטער.

א, גאט, וואס גרעסער ס׳איז א נצחון,
אלץ קלענער דער מענטש טוט זיך פארלירן;
אונזערע הערצער צער־צעציטערטע,
חבלי־לידה ווי טיף מיר הערשפירן;

ווידער מיר וועלן נביאים האבן,
זייערע שטראפרייד איצט שוין דערהערן,
אויב נישט, וואס, חלילה, דעמלט פון אונז
און וואס פון דער גאנצער וועלט וועט ווערן?

ב

פארן שלום וועגן לאזט גאט,
זיין אייגענעם נאמען אפמעקן;
און מינדסטער מענטש גאנצע ערד כאטש,
פאר זיינע אייגענע צוועקן.

באדט זיך איינער אין צווייטנס בלוט,
צוואגט זיך אין אנדערנס טרערן;
אז יעדער נאר זיך אין זין האט,
וויאזוי קאן אנדערש ווערן?

פון קינען שוין ציט ער זיך,
דער שליאד, דער בלוטיקער רויטער,
וועט ער זיך ציען אזוי ביז
לעצטער מענטש ליגן א טויטער?

וועלן מיר מיט כל־הגוואלטן,
רציחות אין אונז נישט איינהאלטן,
זכר פון מענטש אפצומעקן,
זיין קאפ לעצטער אליין זיך שפאלטן.



## דעם קעמפער פאר יידישן ישראל, מ. צאנין

ירושלים, אן דיינע קינדער וואס ביז דו?
ארום און ארום חורבות בערג פולע מיט טרויער!
א שאקאלן יללה, א וועלפיש געוואיע — —
כותל־מערבי־מויער — גאטס הארכעדיק אויער!

שטייט נישט געשריבן אזוי „אזנים לכותל״?
„יעדן מענטשן־קינדס־געבעט שטעטס דא וועסט דערהערן״!
ירושלים, פערלדיק באהאנגען דו ביסט,
מיט שטילע תפילות און מיט תהילימדיקע טרערן.

פייקלעך צעפויקטע אין מארשן ווערן דיינע בערג,
הערן זיי דיינע קינדער ארויף צו דיר קומען;
הארא־רקודים, פריידיק־פייערדיק מצווה־טענצלדיק,
טאנצן דיינע בערג דבקותדיק ארומגענומען.

בלויז ירושלים, אן דיינע נביאים אבער,
ווען זיי בענטשן, צומאל אפילו ווען זיי שעלטן,
א ליידיקער ס׳בלייבט דיין הייליקער מקום קדוש,
מיטן חרובן, צי צומאל מיטן אויפגעשטעלטן.

ס׳וועלן ווידער זיין נביאים אין ירושלים,
אצינד יעדעס מענטשן־קינד וועט זיך שוין צוהערן,
ווארים מיר זעען דאך אז אלצדינג וואס זיי געזאגט,
דאס גוטע ווי דאס בייזע ס׳מוז מקוים ווערן.

## צוויי צייט - לידער
## צום פאגראם אין מינכן אויגוסט 1972

צעאוס און באקכוס, די געטער פונם אלימפ,
אין מינכענער ביר־קעלער שכורן נאך אלץ;
„אז ווי ווייט איז דאכאו, קוים א תחום שבת?״
פלאטערן־אויף די פענער, די „אלימפיק באלס״.

א גאנצן מנין געבערענגט צו דער עקידה,
אונטער פגימה־מעסער צו שטרעקן דעם האלז.

נאך צעווייקט אין בלוט ס׳איז דאס „ארץ־אדומים״,
בלוט געגאסן גאלד־מעדאל אין הימל הענגט;
אז ווי ווייט איז דאכאו, קוים א תחום שבת
און מיט איין „קל מלא-רחמים״ טרער שוין פארשווענקט?

דאס סאטירע־גלעכטער און די „אלימפיק״־טענץ —
קדיש צו זאגן א גאנצן מנין געבערענגט.

דער גויים־נחת, די מאשקע־זכיה,
קרענץ צו לייגן, האלטן רעדעס און א שיעור;
קוקט אייך נאר גוט ארום, אז מ׳זאל בלויז נישט,
הינטער אייך פערהאקן א גאז־קאמער טיר.

„קאנצלערס, ׳שילומים׳ צאלן ; נידערקניען״!
שפאט פון אלימפ־פאן אראפ א לומפ כאטיר.

## היטלערס יורש — עצר — נאך דער רעדע פון אמין

און אייראפעער צו כאפן,
אים אפצוקאכן, אפצובראטן,
הארדעס נאקעט געטשאטעוועט —
א גאנצער יום־טוב געראטן!

ווי די הינט געטאנצט, געשפרונגען,
געביל פון העלזער זיך געריסן;
מיט שפיזן ווי מיט גאפלען
צו כאפן וואס גרעסערן ביסן.

גאנצע אייראפעער אצינד
שוין אפילו די האטענטאטן;
יונא־מענטשן, פאך־קאלעגן —
גאנצענע פעלקער אויסצוראטן!

ריכטיקע פירער גאר האבן,
א קונץ גאר צו ווערן „עס־עסן?״
נישט מיט הילצערנע שפיזן מער,
מיט גאפלען מענטשנפלייש געפרעסן!

זייף פון פעטס, הויטן־לאמפיאנען,
גוט פאר איניקלעך פון די גאטן — —
און אונז שטעקן נאך די עכטע
מענטשנפלייש־פרעסער האטענטאטן.

לעבעדיקערהייט באגראבן?
גאז־קאמערן און קרעמאטאריעס?
וואס מער געווער נאר אהער און
מיר לאזן אייך אלע טעאריעס —

„זא שפראך צאראטוסטרא״, „מיין קאמף״,
ווער קאן זיך אויס די אונטערשידן?



איינס אזוי קלאר, פארשטענדלעך גאר,
די קרבנות — תמיד די יידן — —

אייראפעס יורשים זיינען מיר,
איר ירושה ווייטער צו טראגן;
פעסטע פויסט מ׳מוז נאר האבן,
בלוטיק זיך א וועג דורכצושלאגן.

די צוויי גרויסע, די צוויי „טשיפס״ ווי
וועלן זיך באלד איבער אונז רייסן,
ווי איבער די בייערן איצט,
ווי איבער די זאקסן און פרייסן.

א כפרה וואגנער און שטראוס,
אונזערע געזאנגען דערהערן!
א פויק? א פולער טאפ אפגעקאכט פלייש
די ערד — און אונז וועט זי געהערן.

יאקוב דזשערגאווסקי

## יאנוש קארטשאק (הענריק גאלדשמידט)

(צום 30סטן יארצייט)

דורך פענער. נאצי־מונדורן, אין גערויש פון גלאקן־קלאנגען,
איז טרויעריק, יאנוש קארטשאק, דער ווארשעווער דאקטער געגאנגען,
מיט זיך ביי די הענטלעך צוויי קינדער געפירט און מארשירט פארויס,
מיט א גרופע יתומים געגאנגען פון די געטא ארויס,
נישט געוווסט האבן די קינדער, אז מען פירט זיי צו די טיפע גריבער,
וואס זיך צו שרעקן? ס׳גייט דאך מיט אונדז יאנוש קארטשאק, דער ליבער,
א פאטער, א באשיצער, איז ווו ערגעץ אזא מענטש געווען,
ר׳וועט נישט דערלאזן, אז ס׳זאל די קינדער עפעס שלעכטס געשען,
זענען פריילעך די קינדער געגאנגען און לידער געזינגען,
פון דערוויטנס, צו דעם טאקט, האבן הילכיק גלאקן געקלינגען,
א פארטרויערטער איז קארטשאק געגאנגען ווי פון זינען גערירט,
ווייל געוואוסט האט ער דעם אמת, וווהין זיינע קינדער מען פירט,
מען פירט זיי צו די אפענע גריבער, דארט, וועט מען זיי שיסן,
יאנוש קארטשאק האט נישט געוואלט פון קיינע זכותים געניסן,
וואס די היטלער־באנדיטן האבן אים די ברירה געגעבן,
אז ער זאל פארלאזן די קינדער, וועט ער בלייבןביים לעבן,
געענטפערט האט קארטשאק מיט א שטימע, וואס געברויזט מיט צארן,
כאטש געוווסט האט ער, אז דערמיט, איז זיין גורל פאר׳חתומ׳ט געווארן,

כ׳בין שטענדיק געווען צו די קינדער א טאטע, אויך א מאמע,
כ׳האב געלעבט מיט די יתומים, כ׳וויל מיט זיי שטארבן צוזאמען,
מיט כעס און ווילדע רציחה זענען די היטלער־באנדיטן,
באפאלן די קינדער מיט יאנוש קארטשאק, זיי ס׳לעבן פארשניטן,
מיט געלעכטער, האבן זיי די קערפערס געווארפן אין גריבער,
אין בליק פון רציחה, זון האט געטונקלט, געוויינט האט הימל א טריבער,
די מענטשהייט, וועט עס נישט קיינמאל פארגעסן, קיינמאל פארגעבן,
יזי לאנג עס וועט א פאשיסט, א נאצי־באנדיט בלייבן ביים לעבן,
מען וועט די מערדער, אריין אין שאול־התחתיה פארטרייבן,
ביז עס וועט פון די רוצחים קיין שפור, קיין שום זכר נישט בלייבן,
ביז קומען וועט א וועלט, פארווירקלעכט וועט ווערן הער שיינער חלום,
א וועלט אן רציחה, א פרייע וועלט, ווו הערשן וועט אייביקע שלום.

דוד בערמאן

## דער חלום פון שלום אין פארכישופטן וועלדל

אמאל אין א געוויסן שיינעם זומער־טאג זענען צוויי מיידעלעך זיך געגאנגען שפאצירן אין א פארכישופט וועלדל, האלטנדיק איינס דאס אנדערע ביים הענטל. ווי געווענלעך, זענען זיי געווען געקליידט אין שיינע זומער־קליידעלעך. איין מיידעלע האט געהאט לאנגע, גאלדענע האר, וואס האבן איר געגרייכט ביז צו דער טאליע. זי האט געהייסן מלכהלע. דאס אנדערע מיט געקרייזלטע, שווארצע האר, האט מען גערופן חנהלע.

דער הימל איז געווען בלוי און די זון האט אזוי ווארעם געשיינט בשעת די צוויי האבן פריילעך שפאצירט אין דעם דאזיקן כישוף־וועלדל און באוואונדערט די פרעכטיקע ביימער, וואס א טייל פון זיי זענען געווען זער אלט, אנדערע אבער גאנץ יונג און שלאנק. אין דעם וועלדל האט מען געקענט זען מעכטיקע דעמבעס, קאשטאן־ביימער און ווערבעס ווי אויך ביימער פון אנדערע מינים.

כלערליי פייגעלעך האבן אראפגעזונגען פון די אלע ביימער, און ווער ס׳האט זיך אויסגעקענט אויף זיי האט דארטן געזען זינג־פייגעלעך, לערכעס, קוקוס־פייגעלעך און נאכטיגאלן; אלע האבן זיי פריילעך געמאכט די סביבה מיט זייער געזאנג.

באלד זענען די מיידעלעך צוגעקומען צו א פרייען פלאץ אין וואלד, א פעלדל מיט גרין גראז, מיט מארגאריטקעס און פוטער־בלימעלעך.

— דא קענען מיר זיך אנידערזעצן עסן אונזערע „סענדוויטשן“ — האט מלכהלע צו חנהלען געזאגט.

— יא, יא — האט חנהלע צוגעשטימט — לאמיר זיך דא אנידערזעצן. ביידע מיידעלעך האבן זיך דארט טאקע אנידערגעזעצט און זיך אונטער־



געלענט דאס הארץ מיט די „סאנדוויטשן“, וואס די מאמעס זייערע האבן פאר זיי צוגעגרייט צום דאזיקן שפאציר. די ברעקעלעך, וואס זענען זיי איבערגעבליבן, האבן זיי געגעבן א ריי טייבעלעך, וועלכע זענען צוליב דעם געקומען אראפצופליען פון א קאשטאן־בוים און זיי גאר גיך אויפגעפיקט מיט גרויס אפעטיט.

— איך האב זער ליב די טייבעלעך — האט חנהלע באמערקט. — זיי דערמאנען מאך אין דער טויב פון נחס תיבה ווי זי האט אים געברענגט די בשורה, אז דער מבול איז שוין פארביי.

— די טויב איז באמת א זיסער פויגל — האט מלכהלע איר געענטפערט, האלטנדיק איר הענטל אויסגעשטרעקט און לאזנדיק א ווייי טייבעלע פיקן דערפון אייניקע קרישקעלעך ברויט.

אביסל שפעטער האט חנהלע זיך גענומען פילן מיד פון גאנג.

— מיר האבן היינט אזויפיל ארומגעשפאצירט — האט זי גענעצנדיק א זאג געטון און גלייך פעסט איינגעשלאפן. ליגנדיק אזוי אויפן גרינעם גראז, מלכהלע האט זיך אויך אנידערגעלייגט און גענומען קוקן אויף א הערלעכן זון זיך שפילנדיקן בוים, — ממש א רעגנבויגן! ביז אויך זי איז איינגעשלאפן.

מלכהלען האט זיך געחלומט א וואונדערלעכער חלום. זי האט בעגעגנט א יונגן בחור א פאסטוך אין גרינעם וואלד. דער פאסטוך האט געפירט פיר ווייסע שעפסעלעך. ס׳פאסטוכל האט געקוקט אויף מלכהלען מיט א צוריקגעהאלטענעם בליק בעת די שעפסעלעך זיינע האבן אנגעהויבן עסן דאס זאפטיקע גראז. מלכהלע האט, פון איר זייט, אויך געקוקט אויפן דעם בחורל דעם פאסטוכל, און איינגעזען, אז עס איז אן ארעם יינגל אין אלטע, צעריסענע מלבושים. די האר זענען ביי אים געווען שווארצע און געהאט האט ער טונקעלע, ברוינע אויגן. א געפיל פון רחמנות האט מלכהלען ארומגענומען צום יינגל. זי האט אים געוויזן א שמייכל, וואס ווי נאר ער האט עס דערזען האט ער אויך אנגעהויבן שמייכלען צו איר.

באלד האט ער ארויסגענומען א פלייטעלע פון קעשענע און אנגעהויבן דערויף צו שפילן א פריילעכע פאסטוך־מעלאדיע, צוקלאפנדיק מיטן פוס צום טאקט פון דער מוזיק. און שוין טאנצט ער אויף זיין פאסטוך־שטעקן א לעבעדיקן פאסטוך־טאנץ, שפרינגנדיק אהין און אהער. דאס שפילן זיינס און טאנצן האבן מלכהלען העכסט אנטציקט, אזוי, אז זי האט צו אים געזאגט,

— קענסט האבן וואס נאר דו ווילסט, מיין פאסטוכל, מיין יינגעלע!

— כ׳וויל א קוש פון דיינע רויזן־ליפעלעך! — האט ער איר געענטפערט מיט א שמייכל.

מלכהלע האט אים דערפילט זיין וואונטש, מיינענדיק, אז ער וועט ביי איר בעטן עפעס געלט אדער נייע מלבושים. ער אבער האט גארנישט פארלאנגט אחוץ א קוש . .

דאס פנים איז מלכהלען רויט געווארן פאר בושה און בתחילה האט זי

אים געזאלט אפזאגן, אבער זי האט פלוצלינג דערהערט חנהלען שפאטנדיק אויסרופן,

— וואס, וועסט אננעמען א קוש פון אן ארעם פאסטוכל, הא? בשום אופן נישט! זאלסט דיך נישט קושן מיט אים, דו הערסט?

מלכהלע אבער האט נאך אלץ געהאט דאס רחמנות־געפיל צום פאסטוכל, און זי האט צו אים געזאגט,

— יא, מעגסט מיך קושן!

דאס פאסטוכל האט זיך צו איר דערנענטערט, זי ארומגענומען ביי דער טאליע און איר דערלאנגט א הארציקן קוש אויף אירע רויזן־ליפעלעך. בשעת מעשה האט מלכהלע געהאלטן די אויגן פארמאכט, ווינטשנדיק זיך, אז פונם פאסטוכל זאל ווערן א פרינץ!

עס האט נישט לאנג געדויערט און א פלוצלינגדיקער ליכט־שטראל האט זי א שלאג געטון. זי האט אויפגעעפנט די אויגן און זיך דערזעען אין די ארעמס פון אן איידעלען, יונגן פרינץ, נישט מער אין די ארעמס פון אן ארעם פאסטוכל. די מלבושים פונם פרינץ זענען געווען פון זיידנצייג, אויסגעשטיקט מיט גאלדענע פעדעם. ר׳האט געלאכט, זעענדיק איר גרויסע דערשטוינונג, מחמת מלכהלע אליין איז אויך פארענדערט געווארן. זי איז נישט מער געווען דאס קליינע מיידעלע, נאר א דערוואקסענע, יונגע פרינצעסין און איר זומער־קליידעלע האט זיך פארוואנדלט אין א ווייס, וואונדערבאר קרינאלין הופה־קלייד.

פון די פיר שפסעלעך זענען געווארן פיר גרויסע, ווייס־שיינע פערד, איינגעשפאנט אין א גאלדענער קארעטע. דער יונגער פרינץ האט מיט איין האנט געהאלטן די לייצן און מיט דער אנדערער האנט זי געהאלטן ארום דער טאליע. האט א צי געטון די לייצן און די פערד האבן גענומען לויפן אין א גאלאפ.

מלכהלע האט באמערקט ווי חנהלע זעט אויס אייפערזיכטיק, צעטומלט און וויל זי שלעפן צוריק.

דער וועג האט געפירט דורכן פארכישופטן וועלדל, וואו קליינקע שדימלעך האבן מיט די הענטלעך געגריסט דעם פרינץ און די פרינצעסין בשעת זיי זענען פארבייגעפארן, ווינטשענדיק זיי מזל־טוב.

— וואו פירסטו מיך? — האט מלכהלע געפרעגט דעם פרינץ.

— ביז צום סוף פון רעגנבויגן — האט ער געענטפערט און איר אנגעוויזן מיטן פינגער דעם פונקט.

— וואס געפינט זיך דארטן ביים סוף פונם רעגנבויגן? — וויל זי וויסן פון פרינץ.

— מיין שלאס געפינט זיך דארטן! — איז געווען זיין ענטפער.

דער וויל זענען די פערד געלאפן אין זייער גאלאפ אזש פונקען פייער האבן זיי געשפריצט פון די פאדקאוועס. זי האט געפילט דעם ווינט בלאזן איר אויפן פנים בעת די גאלדענע קארעסע האט זיך אזוי געוויגט פון זייט



צו זייט אין לויף.

ענדלעך זענען זיי אנגעקומען צום סוף פונם רעגנבויגן, וואו מלכהלע האט דערזעען פאר זיך א גאלדענעם שלאס וואונדערלעך שיין. זי האט ממש נישט געקענט גלויבן אירע אייגענע אויגן. ס׳איז געווען א צויבער־פאלאץ, וואס האט געגלאנצט מיטן ליכט פון די שטערן אין הימל!

מלכהלע האט אויפגעעפנט די אויגן ברייט מיט דערשטוינונג און טאקע באלד זיך אויפגעכאפט פון שלאף. ס׳האט אנגעהויבן ווערן טונקל אין וואלד. חנהלע איז כסדר נאך געליגן אויפן גראז אין א טיפן־שלאף מיט די האר אויסגעשפרייט איבער פוטער־בלימעלעך און מארגאריטקעס. א זיס שמייכעלע האט אויך געשוועבט אויף אירע רויזן־ליפן.

— וואך אויף, חנהלע — האט מלכהלע זי גערופן, — ס׳ווערט שפעט. מען דארף גיין אהיים!

לאנגזאם האט חנהלע געעפנט אירע אויגן און ברייט אויסגעשטרעקט די ארעמס. — ס׳זעט אויס ווי כ׳וואלט אריינגעפאלן אין א טיפן שלאף — האט חנהלע באמערקט מיט א גענעץ.

— איך בין אויך איינגעשלאפן און געהאט א וואונדערלעכן חלום — האט מלכהלע איר דערקלערט. — כ׳וועל דיר אלץ דערציילן, אבער קודם-כל מוזן מיר לויפן אהיים איידער ס׳ווערט גאנץ פינסטער.

— יא, — האט חנהלע צוגעשטימט, גאנץ וואך שוין. — לאמיר גיין שנעל. און זי נעמט אן מלכהלע ביי דער האנט, אוןביידע האבן גענומען גיין אהיים גיך דורכן וואלד.

— נו, דערצייל מיר שוין דיין חלום — האט חנהלע געבעטן מלכהלען. מלכהלע האט איר פריינדין אלץ דערציילט וואס עס האט זיך איר געחלומט, ווי פון פאסטוכל איז געווארן א פרינץ און ווי ער האט גענומען צו זיך אין א צויבער־שלאס אריין.

— וואס פאר א פאנטאסטישער חלום דאס האט געמוזט זיין, מלכהלע — האט חנהלע געלאכט, לייגנדיק איר ארעם אויף מלכהלעס פלייצע. באלד האבן זיך גענומען הערן פון די ביימער די „הוט־הוט" רופן פון סאוועס. ס׳האט נישט לאנג געדויערט און די מיידעלעך זענען ארויס פון פארכישופטן וועלדל, גייענדיק אהיים.

הויך אויפן הימל איבער זיי האבן זיך באוויזן די ערשטע דריי שטערן פון אוונט, בלישטשענדיק — די שטערן פון שלום.

עלא זילבערג

## פאר מיין לאבערנום בוים

אמאל ביסט געוועזן<br>
א בלאנדע פרינצעסין,<br>
מיט לאקען געשומערט ווי גאלד,<br>
עס האבן דיך מענשן,

און פויגל באזונגען,
באוואונדערט דיין הערליך געשטאלט.

און פארלעך פארליבטע,
אונטער די צווייגן באהאלטן,
געזאפט דיין בעצויבערנטן דופט,
געשפינען חלומות,
פון קינפטיקע גליקן,
אין שלעסער געבויט אין דער לופט.

היינט שטייסט דו פאראויקערט,
פארדארט דיינע צווייגן,
פארלאזן פון פויגל און פריינט.
די הארבסטיגע טרערן,
באגיסן דיין קערפער,
מיט מיטלייד דער ווינט זיך צעוויינט.

## פריינט נ. רובין צום 72-טן געבורטסטאג

אפגעטאנצט דאס לעבן באלד,
און ניט מיד געווארן,
ווי א ייגגל פריש און שלאנק,
טראגט ער זיינע יארן.

ניט פון ארבייט, ניט פון נויט,
קען מען מוט פארלירן,
ווער ס׳פארמאגט א יונגן גייסט,
ווערט אלטקייט ניט דערשפירן.

וועמענס הארץ עס שלאגט נאך שטארק,
ווער ליבשאפט קען נאר פילן,
ווער עס גלויבט אין פריינטשאפט נאך
און וואך זיינע געפילן,

דעם די יארן שאדן ניט,
ער בלייבט יונג פאר צייטן,
ווינש איך אים פון הארצן היינט,
ער זאל זיך ניט פארבייטן.

יוסף בן שמעון ווײנשטיין

## „דער טונקעלער" — הומאריסטעשער שרייבער, אין קאירא

באקאנט האב טיך זיך מיט דעם הומאריסטעשן שריפטשטעלער יוסף טונקעלער בעת מיין שפאציר קיין ווארשע, אין חודש יולי 1935, פאר דער



2־טער וועלט מלחמה.

מערערע יארן פלעג איך, ארום זומער צייט, פארלאזן די קאיראר היצן — וואו איך בין געבוירן און דארט געלעבט כמה וכמה יארן — און ארויספארן זוכן א פרישן קלימאט. געווען אמאל אין דער שווייץ, פאריז, לאנדאן, איטאליע, בעלגיען. אויך געפארן מערערע מאל קיין ארץ ישראל — און פארוואס טאקע נישט זיך זען מיט אחינו בניישראל פון פוילן ?. . בין איך, פון אלעקסאנדריע געפארן מיט דער שיף קיין פירעוס — גריכנלאנד — און מיט דער באן קיין אטען, פון דארט קיין סאלאניק און אריבער די גרעניץ קיין בעלגראד — יוגאסלאוויע — דאן מיט דעם זעלבן צוג אריבער א צווייטע גרעניץ קיין בודאפעסט — אונגארן — וואו איך האב איבערגענעכטיקט אין „האטעל ציון" גענומען אויפן אנדערן טאג די באן קיין ווארשא און אנגעקומען ארום האלבער נאכט.

נישט קענענדיק די שפראכן פון יענע לענדער, איז ביי מיר געבליבן זיך באנוצן מיט דער אידישער שפראך, און איבעראל רעדן מאמע־לשון . . . כך הוה: ווי נאר די שיף האט זיך אפגעשטעלט אין פירעוס, איז ארויף א רייזע־אגענט פון דער שיפס־קאמפאני פון קאירא — וועלכער האט גערעט אידיש, מיט אינסטרוקציעס, מיר אלעס באזארגן . . . אויף דער אייזן־באן קייין בעלגראד, איז לעבן מיר געזעסן א יונג פאר־פאלק וועלכע האבן באלע־בעטשעט א פאר ווערטער אויף מאמע-לשון . . . און פארנדיק מיטן צוג קיין ווארשא, האבן זיך אין וואגאן געפונען אנקעגן מיר, דריי סוחרים מיט רענצ-לעך און אריינגעקוקט אין פוילישע בלעטער און געשמוסט, פארשטעט זיך, אין פויליש. איך האב פון מיין טעקע ארויסגענומען א אידיש בלאט, און אים ברייט אויפגעעפענט צו זען די רעאקציע פון מיין חברה׳לייט. די דריי פאר־שוינען האבן גלייך געגעבן א וואונק־איבער איינער דעם צווייטן, ווי צו זאגן:־ ער איז דאך פון אחינו בני־ישראל — און באלד טאקע פארבינדן מיט מיר א שמועס אין אידיש, און געוואלט, פארשטייט זיך וויסן: ווער, און וואס און ווען . . — דערוויסנדיק זיך אז איך קום פון די הרי־חושך . אזש פון מצרים — צום ערשטן מאל, אלס טוריסט, קיין ווארשא, האבן זיי מיך געווא־רענט אפשטייגן אינם ערשטן האטעל וואס ביים וואקזאל, גוט אכטונג געבן אויף מיין רענצל ווי אויך אויפן געלט וואס איך האב . . . ווארום ווארשעווער גנבים — אזוי האבן זיי דערקלערט— זיינען בארימט אויף דער וועלט . . .

אין דער פרי האב איך געכאפט א דראשקע, און געהייסן מיך פירן צו די „נאלעווקעס", זיך אוועקגעשטעלט ביי אן אוגאל און — שעהן־לאנג — געשעפט תענוג זעענדיק ארומלויפן אידישע סוחרים, הענדלער, טענדלער, טרעגערס, שוך-פוצערס, אידישע צייטונגען פארקויפער, און גלאט אידן, אלטע און יונגע, מיט בערד, אן בערד מיט פעקלעך אן פעקלעך, אידעשקעס און קינדער . . עס האט ממש געשווינדעלט פאר די אויגן. און דראשקעס מיט אידישע קוטשערס וואס פלעגן רופן די קינדער אגן גוואלדעווען . . . מערערע אידן האבן געשטופט וועגעלעך געפאקט מיט סחירות מכל המינים, און בעת

מעשה, אויסגערעכנט בקול רם זייערע מציאות . . . און א רעש מיט א געטומעל, און א געפילדער פשוט טויב צו ווערן. חוץ דעם, זיינען אלע געשעפטן אין די נאלעווקעס געווען אידישע: באקאלייען, בעקערייען, רעסטאראנען, פריזירער, שיינקן, יאטקעס מיט כשר פלייש און חלקים גענדז . . . געוועלבן פון קליידער און וועש, קראמען פון ספרים, מחזורים, טליתים, מיט אידישע ביכער און צייטונגען. און אלע קלייטן מיט אידישע אויפשריפטן. אין גאס האט מען געהערט רעדן בלויז אידיש, נאר מאמע־לשון. זעלטן פלעגט מען דערהערן געציילטע ווערטער אין פויליש — און דאס נאר צו זאגן א פאר „אידעס": דאס הייסט יענעם דערלאנגען אין „טאטענס־טאטען אריין" פלעגן אידן באנוצן דעם פוילישן רעפערטואר . . .

מיטאג־צייט בין איך אריין אין אן אידישן רעסטאראן, וואו א אידיש מיידעל האט באדינט, און מיר דערלאנגט א געשמאקע יויך מיט היימישע מאנדעלעך, א שיינע גענדזן־ברוסט מיט קאשע און א היפשע פארציע שטרודל ניט מאן, טעם גן־עדן. ארום און ארום דריי זלאטעס (אפשר 3 שילינג)— און ווען איך האב דערלאנגט דעם מיידעל צוויי זלאטעס טרינק-געלט, האט זי ניט געוואוסט ווי מיר אפדאנקען, און מיר צוגעזאגט אויף מארגן מיך אוועקזעצן אין א ווינקל וואו איך וועל נישט זיין געשטערט . . .

אין אוונט בין איך געווען אין „נאציאנאלע טעאטער" געזען שפילן „א מאן אן א היים", איינגעפירט פון „בעני אדלער", אן אקטיאר פון אמעריקא, וועלכער האט אין ווארשא איינגעשטעלט א טרופע שפילער . . . דער אינהאלט פון דער דראמע האט מיר געפעלן, נישט דאס שפילן: חוץ בעני אדלער, זיינען די אנדערע שוישפילער געווען שוואך, נישט נאטירלעך און נישט אויסגעהאלטן. אין די אנטראקטן האב איך זיך פארגעשטעלט פאר בעני אדלער, אלס דער אנפירער פון א גרופע אמאטארן פון אידיש טעאטער אין קאירא, און אים געבעטן דעם „מאנוסקריפט" פון דער פיעסע, בלויז אויף איין נאכט, אים איבערצושרייבן . . . געגעבן אים דערפאר 15 דאלאר, ווי ער האט פארלאנגט . . . אויף אין דער פרי איז אדלער געקומען אין האטעל, און מיך געטראפן ביים פארענדיקן דעם לעצטן אקט פונעם טעקסט. מיר זיינען צוזאמען געגאנגען עפעס איבערכאפן, און אין צווישן, געווארן זער באפריינדעט. נאכמיטאג זיינען מיר געווען אין קאפע־הויז וואו אידישע שרייבער און ארטיסטן קומען זיך צענויף, און דארט געהאט די גוטע געלעגנהייט זיך צו באקאנען מיט דעם שריפטשטעלער יוסף טונקעלער. איך האב געהאט געלייענט מערערע פון זיינע הומאריסטישע סאטירישע ווערק, און זיך געהאט פארגעשטעלט צו באגעגענען א פריילעכן חי-וקים, א גרויסער שפאסער און קיבעצער מיט א געזונטן הילכיקן געלעכטער. און וואס האב איך דערזען?— א קאליקע נעבאך: א נידעריק געפאקט אידל, ממש א קריפעל מיט אויסגעדרייטע פיס און א געשוואלן פנים מיט ניט נארמאלע אייגן אונטער שטארקע אויגנגלעזער, א קראנקער און אן אפט ליידענדער, אבער א ליבהארציקער מענטש. מיר זיינען תיכף געווארן היימיש און געשלאסן אונזער חבר־



שאפט ביי א גלעזל בראנפען . . אין די פאר וואכן וואס איך האב פארבראכט אין ווארשא, פלעג איך זיך טרעפן כמעט יעדן טאג מיט „טונקלען" און פארברענגען צוזאמען שעה'ן־לאנג אין קאפע־הויז און אין רעסטאראנט וואו איך פלעג אים איינלאדן אויף מיטאגן אדער צו נאכטמאלן, און ניט איין מאל האט ער זיך באקלאגט, אז ער האט נאך נישט באקומען זיין האנאראר פאר דעם לעצטן ארטיקל וואס ער האט געהאט אריינגעגעבן אין דער רעדאקציע פונעם ווארשעווער צייטונג „מאמענט", אין וועלכער ער האט כמעט צוואנציק יאר פארעפנטלעכט די גרעסטע טייל פון זיינע שאפונגען.

א צוויי יאר שפעטער, ארום ווינטער־צייט 1937, האט יוסף טונקלער געהאט געמאכט א נסיעה קיין ארץ-ישראל. אויף זיין וועג צוריק, האט ער דורכגעשפרייזט דעם מדבר סיני — מיט דער אייזנבאן ביז קאירא. איך האב געהאט באקומען א בריוו פון אים בנוגע דעם טאג פון זיין אנקומען, און צו דער באשטימטער צייט בין איך געווען אים אפווארטן ביים וואקזאל, אים פארזארגט מיט א אידישן האטעל „מלון כרמל", און געלאזט צוגרייטן אויפן אנדערן אוונט א פייערלעכן קבלת-פנים ביי געדעקטע טישן אין אונזער קלוב פונעם „אידישן קונסט פעראיין" לכבוד דעם חשובן גאסט. — חוץ די חברים און זייערע משפחות, זיינען געווען איינגעלאדן אויפן נשף, אויך פארשטייער פון די אשכנזישער קהילה און פון פארשידענע אידישע ארגאניזאציעס. — איך האב דעם באערטן שריפטשטעלער פארגעשטעלט פאר די אנוועזנדע, פארגעלעזן אייניקע פון זיינע הומארעסקעס: „צרות פון ראדיא",—ווי מיין ווייב מאכט קראנק א דאקטאר" — „רעטעכלעך מיט סמעטענע". . . מיר האבן געטרינקען לחיים צום געזונט פונעם ליבן גאסט, וועלכער האט אונטערהאלטן די מסיבה מיט זיינע שיינע גייסטרייכע מעשה'לעך . . . אויף צו מארגנס, בין איך געגאנגען מיט יוסף טונקל,— אויף זיין פארלאנג,— אינעם קווארטאל וואו אשכנזישע משפחות האבן געוואוינט. באשטאנען איז די „אידישע גאס" פון שמאלע ענגע געסלאך און פארשטעלטע לעכלאך אן אן ארויסגאנג . . . אנדערע געסלעך גאר פינצטערע מיט פארבויעטע דעכער. גאסן וואס מ'האט באדארפט קלעטערן בארג ארויף, געסלעך זיך צו דראפען אויף צעבראכענע טרעפ . . . דארט האט זיך געפונען אידישע געשעפטן פון עסנווארג, בעקערייען, קלייטן פון מילך, קעז און פוטער, געוועלבן פון גרינצווייג און פרוכט, און א געפילדער פון אידן און ווייבער און קינדער — חוץ בארוועסע גוים און גויטעס וואס פלעגן זיך יאווען פון די דערפער, און געלעגן זיינען זיי אויף דער ערד פון ביידע זייטן מיט זייערע סחורות: שטייגן הינער, גענדז און קאטשקעס, קוישן ים און נילוס פיש, קעסטלאך מיט פייגן, טייטלען און קארפוזן, זעק מיט כל המינים גרינצווייג, ערדענע שיסלען מיט פוטער און קעז, קיישלעך מיט אייער — און וואס ניט . . . און איבער דאס אלעס איז געווען וועניק, פלעגן איך, אין דער ענגשאפט, גוים ארומפירן קיהען מיט זייערע קעלבלעך, און מעלקען קיהען מילך. אנדערע גוים מיט טשערעדעס ציגן פלעגן מעלקען די ציגן . . און אידישע שענקען און קאפע־הייזער זיינען דארט געווען,

און א האטעל, געהאלטן פון א רוסישן איד: ברוך האפמאן, א נידעריק גע־פאקטער נפש מיט א קאלטענע וואטע בארד און א צעשויבערטן קאפ האר, באשאטן ארום און ארום מיט פעדערן — בורעך קאצאפ האט מען אים גע־רופן — און שטארק איז ער געווען טאקע גאר ווי א קאצאפ . . .— ארומ־געגאנגען איז בורעכל תמיד מיט א ביז גאר קויטעק העמד און פארלאטעט אויסגעשמירטע הויזן אריינגעשטופט אין אויסגעדרייטע בלאטיקע שטיוועל וואס ער פלעגט טראגן ווינטער און זומער זייט צענער יארן . . . אונטערן האטעל האט בורעך פארמאגט א קרעטשמע וואו גוים אראבער פלעגן זיך יאיוען און זיך אנשכורן ווי די בעסטיעס, און אפט פלעגט אויסברעכן געשלעג צווישן זיי . . . און בורעכל קאצאפ האט געהאט איין שטיקל ארבייט: זיך הרגענען מיט די גוים שכורים, זיי פאסעווען מיט זיין לעדערנעם רימען, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אונטערגארטלען, דערלאנגן זיי מיט די שטיוועל אין בויך אריין און זיי אונטערהאקן די זייטן, און צום סוף זיי ארויסשליידערן אויף דער גאס, באגלייט מיט א רוסישע „איפצ". . .

זיין אכסניא אויפן ערשטן שטאק, האט מען געהאט א נאמען געגעבן — מסתמא ניט אומזיסט — האטעל דע וואנצען", וואו אם מיינסטן פלעגן איבערנעכטיקן דייטשע גוים פערד־גנבים . . . יעדן אווענט זיך שטארק אנ־זויפען מיט ביר און מיט אזא „שנאפס" — א שטארקן ספיריט — בורעכלס א פאטענט — און אנידערפאלן טויט שכור, ווי דעהרג׳עטע, אויף די שטרוי־ענע געלעגערס, און בשום אופן ניט געקענט פילן אז עס בייסט זיי . . . און איך גארניט געפילט ווי דער „גנעדיקער ווירט" פון דעם „זאגענאנטן גאסט-הויז" פלעגט זיי אויסרייניקען די קעשענעס!. . . אין דער אידישער גאס האבן זיך איבערהויפט געפינען יאטקעס, מיט קצבים, מיט שוחטים וועלכע פלעגן שטען אין מיטן גאס און קוילען עופות, און פעדערן זיינען געפלויגן פון אלע זייטן . . . אידישע באקאליעצן פלעגן ארויסשטעלן ביי זייערע טירן, אויף דער גאס, פעסער מיט געזייערטע אוגערקעס, ווינער זויערקרויט, רוסישע שמאלץ־הערינג, פעסער גריכישע וושארצע מאסלינעס . . . דאס אלעס האט ממש פארפעסטעט די לופט — און כאטש עס פלעגט זעלטן ווען רעגענען אין קאירא, פון דעסטוועגן האט מען אין אידישן קווארטאל גאנץ פיין ארומ־געטיאפקעט אין די בלאטעס, און אין קאליעזשעס שטינקענדיקע וואסערן, וואס די באקאליעצן פלעגן אויסגיסן פון זייערע פאמוניצעס אויף די שטויביקע שמוציקע ניט ברוקירטע גאסן . . .

— מיין ליבער פריינט וויינשטיין! — האט האט יוסף טונקל א זאג געטאן צו מיר — איר הארפט זיך ניט שעמען מיט „אייערע נאלעווקעס". . .

— יא! — האב איך צוגעגעבן — איבעראל דער זעלבער איפעש!. .

— ווער געדיינקט ניט — האב איך ממשיך געווען — ווי אזוי שלום עליכם האט זיך אויסגעדריקט בעת ער האט צום ערשטן מאל באזוכט, אין ניו־יארק, דעם אידישן בריקלון: — זיין — האט ער געזאגט — בין איך אין אמעריקע, אבער שטינקען, שטאנקט דא פונקט ווי אין כתרילעווקע!. . .



פון דארט זיינען מיר אוועק צום ספרדישן געטא און שפאצירט אין די ענגע שמוציקע ליקלאך און בלאטיקע געסלאך וואו עס געפינען זיך אוודאי א צוואנציק שוהלען און בתי־מדרשים, מיט חצרים און א שיעור וואו איבן האבן געלעבט אין די צענדליקער משפחות א טיר לעבן א טיר . . . און קלייטן און קונים און גערעדט האבן אלע שרייענדיק און געוועגלעך אין דער אראבישער שפראך . . . און א גרויסער צאל בעטלער, פרויען און מענער, האבן זיך אורמגעדרעט און פארלאנגט נדבות . . . און פעדלער האבן אויך געשטופט זייער סחורה מיט געוואלד . . . ווען מיר זיינען ארויס פונעם ספר־דישן קווארטאל, רופט, דע טונקלער זיך אן צו מיר: — אינעם אשכנזישן געטא האבן מיר געהערט רעדן מאמע־לשון, אבער דא, האב איך דאך בא־געגענט בלויז אראבער . . . זיינען מיר צוריק אריין אינעם קווארטאל און זיך אפגעשטעלט לעבן א וועגעלע וואו איינער איז געשטאנען און געפרייגלט „פאלאפעל" — אזעלכע לאטקעס, געמאכט פון צעריבענע בעקלעך געקלייט איז דער וואזשנער סוחר געווען אין א קויטעק לאנג העמד, אויפן קאפ אן אפגעבליקאוועט פארשווארצענעם רויטן „פעדז", בארוועסע פיס מיט בלאטע, דאס פנים מיט סאזשע, שמוציקע הענט: אן אמת׳ער אראבער . . . אין בארוועסע קינדער, האלבע נאקעטע, אויסגענירעטע אין שטויב, זיינען געשטאנען ארום אויוועלע וואס האט געשאדעט, און פליגן האבן געזשומעט פון אלע זייטן, און דער געברענטער סומסום-בוימעל האט פארפעסטעט דעם גאנצן געגענט . . . מיר זיינען צוגעקומען צום „פאלאפעל-מאכער" און איך האב אים א פרעג געטאן, אין עברית: — מה שמך ?. . . דער חברה־מאן האט מיך אנגעקוקט מיט חשד און געענטפערט: שמי „יעקאב בן שלמה". . . אתה לא יהודי? — האב איך אים כלומר׳שט א זאג געטאן — אינעם ספרדישן אקצענט — אני יהודי!— האט ער אויסגעשריגן מיט שטאלץ — חי ה׳, אני יהודי!. . — געענדיקט ווייטער האבן מיר באמערקט א פרוי זיצן אויף דער גאס, אין מיטן א שטינקענדיקע בלאטע, אין א קויטיק קליידל, בארוועס, די פיס אונטער זיך, אלטע צעריסענע פאנטאפל ביי דער זייט, א זויג־קינד אויפן שויס, די בריסטן אין דרויסן . . . לעבן איר איז געשטאנען א קערבל מיט געפראזשעטע קעלאך און שעמיסקעס . . . און, — ביז א קונה וועט זיך יאווען — האט זי דערווייל געהאלטן אין קנאקן די שעמיסקעס און אויס־שפייען די שאלעכצן ארום זיך . . .

— ווי הייסטו? — האב איך זי געפרעגט אין אראביש. — מיין נאמען איז „אסתר", האט זי געענטפערט אויך אויף אראביש . . . — און דיין טאטע, ווי הייסט ער? — האב איך ווייטער א פרעג געטאן . . . — מיין טאטע איז טויט — האט זי געזאגט, און געהייסן האט ער: „שמואל". . . — ביזטו, הייסט עס, א אידישקע? — אוודאי!— האט זי גלייך געענטפערט אויף אראביש — א אידישקע, ווי דען?. . און מיין מאן הייסט „עזרא" . ער אי זאן פרנסה . . — אפשר וואלט איר געקענט אים אויסזוכן אן ארבייט?. — וואס קען דיין מאן? — האט זי געזאגט — קען קאר ניט . . . ער האט קיינמאל ניט

ידי־ .
...ט מיט זיין
. און דערהויבן דאס
בײם אידישן פלאק בכלל,

## חלום-שפיגל

־שפיגל,
, עפּאַרמירט
און איז אַ גרייז.
נאָר דער,
איז אַ סקיצע,
וואָס צו דער וואָר פירט.

אַ בלינדעטר ווינט
האָט מיך צו אים פאַרטראָגן,
ווי אַ קליינטשיק זעמדל.
כ׳בין געווען נעבן אים
אין מיין חלום־העמדל;

אויף אַ וואָקזאַל —
ווי אַ פּעקל צווישן פּעק . . .
ער נעבן מיר —
און טויזנט מייל אַוועק!
און טויזנט מייל אַוועק!

איצט,
מישט אין קאָפּ זיך
אַלץ קאַפּויער:
לעכערלעך, צעשטרייט,
זע איך אויס —
ווי אין אַ מלבוש
אויף דער לינקער זייט . . .



גאָט פון חסדים,
העלף מיר אויסטון
פון חלומות די בגדים.
נאָך וואָס זענען קראַטן
פון תּפיסה־אימאַזש?

איך — אַ פּעקל צווישן באַגאַזש,
כאַ־כאַ-כאַ,
אַן אַרעמער באַגאַזש!
אַן אַרעמער באַגאַזש!. . .

דזשיאָוואַנני פּאַפּיני

## דער נישט-אומגעקערטער טאָג

איך, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב די באַקאַנטשאַפט מיט אַסך אַלטיטשקע אין חנוודיקע פּרינצעסינס, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַזוי אָרעם, אַז זיי קענען זיך קוים דערלויבן צו האָבן אַ קליין דינסטמיידל געקליידט אין שוואַרצן, און מוזן וואוינען אין עפּעס אַ האַלבער חורבה פון אַ הויז צווישן יענע פאַר־באָרגענע הייזער, וואו צוויי ציפּרעסן פאַרשטויבטע שטייען ווי אַ וואַך ביים טויער.

טרעפט איר אייך אַמאָל מיט איינער פון זיי אין סאַלאָן פון אַ גרעפין אַן אַלמנה אָן אַלט־מאָדישע, זאָלט איר זיך ווענדן צו איר מיטן טיטל „אייער האָהייט״ און רעדן צו איר אויף פראַנצויזיש, אויף יענעם איגטערנאַציאָנאַלן פראַנצויזיש, דעם קלאַסישן, דעם אומקאַלירטן, וואָס איר קענט אייך אויס־לערנען פון „די מעשיות מיט אַ מוסר-השכל״ פונם אַבבאַט מאַרמאָנטעל בקיצור, אויפן פראַנצויזיש פון דער אַריסטאָקראַטיע. מיינע פּרינצעסינס וועלן אייך אָפּענטפערן כמעט אַלעמאָל מיט אידעלע ניין מאָס רייד ווי נאָר איר וועט געווינען זייער צוטרוי, אָרעמע נשמות נעבעך — קליינינקע פול מיט שטויב און שמאַכטעס ווי די אָראַטאָרן פון זיבנצנטן יאָרהונדערט — איר וועט געוואָר ווערן, אַז מען קען מקבל־באהבה זיין דאָס לעבן און אַז די מאַמע איז גאָרנישט געווען אַזאַ נאָר ווען זי האָט אונז געבראַנגט אויף דער וועלט.

וואָס פאַר אַ זעלטענע סודות עס האָבן מיר צוגעמורמלט מיינע שיינע אַלטע פּרינצעסינס! זיי האָבן זער ליב פּודער, אָבער אפשר פיל מער דאָס שמועסן און אויף וויפל דאָס זענען אַלע דייטשע — בלויז איינע אַ רוסישע, צופעליק — גיט מיר טיילמאָל זייער פראַנצויזישער אַנטציקנדיקער אַלטער רעזשים געוויסעגעפילן לחלוטין נישט געוועגלעכע; אין די דאָזיקע מאָמענטן צעגייט מיר דאָס האַרץ און ס׳ווילט זיך מיר — איך בין מיך מודה ומתוודה — אַ זיפץ טון ווי אַ נאַריש פאַרליבטער.

אַ געוויסן אָוונט, נישט גאַנץ שפּעט, אין אַ סאַלאָן פון אַ טאָסקאַנישער ווילע, בין איך געזעסן אויף אַ הערלעכן פאָטעל ביי אַ טישל, אויף וועלכן מ׳האָט מיר דערלאַנגט אַ טעפּעלע זער לייכטע טיי, און געשוויגן אין דער געזעלשאַפט פון איינער פון די עלטסטע און שענסטע פון מיינע פּרינצעסינס. זי איז געווען געקליידט אין שוואַרצן; דאָס פּנים איר̇ס פאַרדעקט מיט

א שוואַרצן וואַל און אירע האָר, וואָס כ׳האָב געוואוסט, אַז זיי זענען ווייס און תמיד אַביסל געקרייזלט, זענען געווען באַדעקט מיט שוואַרצע האָר. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גלאָריע־שיין פון מיסטעריעזקייט אַרום איר. עס איז מיר געפעלן און כ׳האָב פּרובירט גלויבן, אַז די דאָזיקע פרוי איז עפּעס אַ געשפּענסט אַרויסגערופן דורך מיין ווילן. נייך, ס׳איז נישט געווען קיין פיינלעכער ענין, ווייל דאָס צימער איז געווען כמעט טונקל און דאָס איינציקע אָנגעצונדענע ליכט האָט קוים באַלויכטן און שוואַך איר אָנגעפּודערט פּנים. אַלדאָס איבעריקע איז אין דער טונקלקייט געווען אַזוי מטושטש, אַז איך האָב געקענט מיינען צו האָבן פאַר מיר נאָר אַ הענגענדיקן קאָפּ, אַ פּנים אָפּגעריסן פון אַ גוף אויפגעהאַנגען אַ מעטער בערך פון דער ערד.

די פּרינצעסין אָבער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר און פון דעם מאָמענט אָן איז יעדע אַנדערע פאַנטאַזיע געוואָרן אוממעגלעך.

— הערט זשע, מיין הער — האָט זי זיך צו מיר געוואַנדן אויף איר אייגנטימלעכן פראַנצויזיש — וואָס עס האָט מיר פּאַסירט מיט אַן ערך פערציק יאָר צוריק בשעת איך בין נאָך געווען זער יונג און געהאַט אַ רעכט מיך צו מאַכן נאַריש. — און מיט איר העליקאַטער שטימע האָט זי מיר ווייטער גענומען דערציילן איינע פון אירע מערערע ליבעס־מעשיות; אויס ליבע צו איר איז אַ פראַנצויזישער גענעראַל אַן אַקטיאָר געוואָרן און אין אַ געוויסער נאַכט האָט אים אַ שכורער קאָמעדיאַנט דאָס לעבן גענומען.

נאָר איך האָב שוין געקענט דעם סאָרט פון אירע פאַנטאַזיעס און האָב געוואָלט עפּעס אַ מאָדנערע זאַך, פיל ווייטער, אַ מער אומוואַרשיינלעכע. די פּרינצעסין איז געווען העפלעך ביזן סוף:

— איר צווינגט מיך — האָט זי געזאָגט — אייך אויסצוזאָגן דעם לעצטן סוד, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן כסדר אַ סוד טאַקע דערפאַר ווייל ר׳איז מער אומוואַרשיינלעך ווי אַלע אַנדערע. איך ווייס אָבער, אַז איך גיי שטאַרבן אין די נאָענסטע איינציקע חדשים, איידער דער ווינטער איז פאַרביי, און כ׳בין נישט זיכער צי איך וועל געפינען אַן אַנדערן אַזוי פאַראינטערעסירט אין שטותים ווי איר . . .

„אַט דער דאָזיקער סוד האָט זיך אָנגעהויבן צו מיינע צוויי און צוואַנציק יאָר. איך בין דעמאָלט געווען די גראַציעזטע פּרינצעסין אין ווין און האָב נאָך נישט געהאַט דערשאָסן מיין ערשטן מאַן. דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער, אין צוויי יאָר אַרום, ווען כ׳האָב מיך פאַרליבט אין . . אָבער איר ווייסט דאָך שוין פון דער מעשה. לאָמיר זשע גיין ווייטער! — הכלל, ס׳האָט פּאַסירט צום סוף פון מיין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר, אַז איך האָב באַקומען אַ וויזיט פון אַן אַלטן הערר, אַגלאַט־ראַזירטן און אַ דעקאָרירטן מיט אַסך מעדאַלן, וועלכער האָט געבעטן צו רעדן מיט מיר בסוד בלויז אויף צוויי מינוט. ווי נאָר מיר זענען געווען אַליין האָט ער מיר גענומען דערציילן: כ׳האָב אַ טאָכטער, וואָס איך ליב זי זער און זי איז זער קראַנק. איך מוז איר שענקען לעבן און כוח און הערפאַר גיי איך אַרום און זוך צו קויפן אָדער צו באָרגן



יוגנט־יאָרן. אויב איר וועט מירגעבן איינס פון אייערע יאָרן, וועל איך עס אייך ביסלעכווייז אָפּגעבן, אַ טאָג פאַר אַ טאָג, איידער אייער לעבן וועט זיך ענדיקן. ווען איר וועט ענדיקן צוויי און צוואַנציק יאָר איז אַנשטאָט אַריבערצוגיין צום דריי און צוואַנציקסטן וועט איר אייך געפינען מיט אַ יאָר עלטער און וועט אַריינגיין אין פיר און צוואַנציקסטן. איר זענט דאָך נאָך זער יונג וועט איר גאַרנישט פילן אַזוי צו זאָגן דעם אַריבערשפּרונג. אָבער איך וועל אייך אומקערן ביז צום לעצטן אַט די אַלע דריי הונדערט מיט פינף און זעכציק טעג, צו צוויי אָדער דריי אויף אַמאָל און ווען איר וועט שוין זיין אַ זקנה וועט איר קענען אויף אייער פאַרלאַנג ווידער האָבן שעהן פון אויטענטישער יוגנטלעכקייט, פון פּלוצימדיקן אומקער פון געזונט און שיינקט. מיינט נישט, אַז איר האָט צו טון מיט אַ ווילצלער צי מיט אַ טייוול. איך בין גאַנץ פּשוט אַ טאַטע, נעבעך, וואָס האָט אַזויפיל תפילה געטון צו גאָט עס זאָל אים זיין אימשטאַנד צו שענקען דאָס, וואָס פאַר אַנדערע איז נישט מעגלעך. מיט גרויסער מי האָב איך שוין צונויפגעזאַמלט דריי יאָר, אָבער איך דאַרף נאָך האָבן אַסך. גיט מיר איינס פון אייערע און איר וועט קיינמאָל קיין חרטה נישט האָבן!

„פון יענער צייט אָן האָב איך מיך שוין צוגעוואוינט צו מאָדנע אוועקטורעס און אין אַ כמעט קייזערלעכער סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, האָט מען קיין שום זאַך נישט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך. איך האָב דעריבער מסכים געווען צו אַט דער אומגעוויינלעכער הלוואה און אין איינציקע טעג אַרום בין איך עלטער געוואָרן מיט אַ יאָר. כמעט קיינער איז נישט געוואָר געוואָרן דערפון און ביז פערציק האָב איך מיר געלעבט מיין גליקלעך לעבן אָן צוריקצוקומען צום יאָר, וואָס כ׳האָב געהאַט איינגעלייגט און וואָס איז מיר געקומען צוריק.

„דער אַלטערהערר האָט ביי מיר איבערגעלאָזט זיין אַדרעס צוזאַמען מיטן קאָנטראַקט און מיך געבעטן אים מודיע צו זיין מינדעסטנס אַ חודש פריער ווען איך וויל האָבן אַ טאָג צי אַ וואָך פון יוגנטלעכקייט, צוזאָגנדיק מיר, אַז פּונקט צו דער מינוט וועל איך האָבן דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג.

„נאָך מיין פערציקסטן יאָר, ווען מיין שיינקייט האָט אָנגעהויבן צו פאַרוויאַנען, האָב איך מיך צוריקגעצויגן אין איינעם פון די ווייניקע שלעסער, וואָס זענען פאַרבליבן ביי מיין משפּחה און בין מער נישט געקומען קיין ווין אַחוץ אַ צוויי־דריי מאָל אין יאָר. צו דער צייט פלעג איך שרייבן צו מיין בעל־חוב און דערנאָך מיך באַגעבן אויף בעלער אין פּאַלאַץ אַריין, אין סאַלאָנען פון דער הויפּטשטאָט, אַ יונגע און אַ שיינע ווי איך וואָלט געדאַרפט אויסזען צו דריי און צוואַנציק, דערשטוינענדיק די אַלע, וואָס האָבן געקענט מיין אונטערגייענדיקע שיינקייט. אַ, ווי מענטשן פלעגן זיך וואונדערן ערב מיינע ווידערדערשיינונגען! דעם אָוונט צופאַר פלעג איך מיך לייגן שלאָפן אַ מידע און אָפּגעבליאַקעווטע ווי תמיד און אין דער פרי מיך אויפגעהויבן אַ פרייליכע און חנוודיקע ווי אַ פייגעלע, וואָס האָט קוים זיך אויסגעלערנט

פליען, און פלעג צולויפן צום שפיגל. אלע רינצעלעך זענען פארשוואונדן, מיין קערפער איז געווען פריש און צארט, די האר אלע ווידער בלאנד און די ליפן רויזיק, אזוי רויזיק, אז איך אליין וואלט זיי ליידנשאפטלעך געקושט. אין ווין פלעגן מיינע פארגעטערער זיך מאסנווייז פארזאמלען ארום מיר, אויפן קול אויסדריקן זייער באוואונדערונג, מיך באשולדיקן אין כישוף־מאכעריי און, אין תוך, גארנישט פארשטאנען. ווי נאר דער טערמין פון מיין יוגנטלעכקייט, וואס איך האב פארלאנגט, האט געהאלטן ביים אויסגיין, פלעג איך ארייַנשפרינגען אין א קארעטע און גיך מיך אומקערן אין שלאס אריין, וואו איך האב בשום אופן קיינעם נישט אויפגענומען. איין מאל איז עס א יונגן גראף, א באהעם, וואס האט זיך שרעקלעך אנגעצונדן מיט א תאווה צו מיר, בשעת איינעם פון מיינע אויפטריטן אין ווין, געלונגען ארייַנצודרינגען אין מיין וואוינונג אריין, כ׳ווייס נישט וויאזוי, און האט שיער נישט געחלשט זעענדיק ווי ענלעך איך בין צו זיין באגערטער נאר ווי מיאוסער און עלטער פון יענער, וואס האט אים אזוי פארשכורט אויף די גאסן פון ווין.

„פון דעמאלט אן איז עס שוין מער קיינעם נישט געלונגען ארייַנצודרינגען אין מיין פריוויליקער אפגעשלאסנקייט, וואס איז בלויז אונטערבראכן געווארן דורך דער מאדנער פרייד מיינער און טיפער מרה־שחורה פון די זעלטענע מאמענטן פון יוגנטלעכקייט אין משך פון מיין באדויערנסווערטן פארוויאנעטם ווערן. קענט איר אייך פארשטעלן מיין פאנטאסטיש לעבן פון לאנגע חדשים איינזאמער זקנה, אפגעשיידט פון צייט צו צייט דורך א זעלטן פלעמל פון אייניקע טעג שיינקייט און ליידנשאפט?

„צום ערשטן האבן זיך מיר יענע דריי הונדערט מיט פינף און זעכציק טאג אויסגעוויזן אומדערשעפלעך און כ׳האב מיר גארנישט פארגעשטעלט, אז זיי קענען זיך ווען אויסלאזן. דערפאר טאקע בין איך לכתחילה געווען צו פארשווענדעריש בנוגע מיין רעזערוו און האב צו אפט געשריבן צו מיין מיסטעריעזן בעל־חוב פון לעבן. יענער אבער איז א שרעקלעך פינקטלעכער מענטש. אמאל בין איך אפילו געווען ביי אים און געזען די ביכער פון זיינע חשבונות. ניין, איך בין נישט די איינציקע, מיט וועמען ער האט געמאכט קאנטראקטן פון דעם מין, און ער האלט א גענויען חשבון פון וואס ער גיט. כ׳האב אויך געזען זיין טאכטער; א העכסט בלייכע פרוי זיצן אויף א טעראסע פול מיט בלומען.

„עס איז מיר קיינמאל נישט געלונגען זיך צו דערוויסן פונוואנען ער שעפט דאס לעבן, וואס ער קערט אום אזוי פינקטלעך, טעג אויף ראטעס, נאר כ׳האב א גרונט צו גלויבן, אז ער וועט ארייַנפאלן אין נייע חובות. וואס פאר א פרויען זענען עס געווען וואס האבן אים געגעבן די טעג, וועלכע ער האט מיר אומגעקערט? איך וואלט געוואלט מיך באקענען מיט אייניקע אזא, אבער נישט געקוקט אויף מיינע כיטרעדיקע נאכפראגן איז עס מיר בשום אופן נישט געלונגען צו אנטדעקן אפילו איינע פון זיי. נאר אפשר זענען זיי דאך נישט אזוי מאדנע ווי איך מיין . . .



„דער מענטש, בכל אופן, איז אויסערגעווענלעך אינטערעסאנט און עס געלינגט אים זער גוט צו האלטן זיינע חשבונות. איר קענט אייך גארנישט פארשטעלן ווי שרעקלעך מיין לעבן איז מיר געווארן ווען ר׳האט מיר געלאזט וויסן, מיט דער ריאיקייט פון א באנקיר, אז ער האט נישט מער ווי בלויז עלף טעג צו מיין דיספאזיציע. דאס גאנצע יאר דעמלט האב איך צו אים נישט געשריבן און נישט געקענט אפמאכן ביי מיר צי איך זאל אים זיי נישט שענקען אין מיך מער נישט קווענלען. איר פארשטייט מיך, הא? יעדעס מאל ווען איך בין ווידער יונג געווארן איז דער מאמענט פון מיך ווידעראויפוועקן כסדר געווארן פיינלעכער און פיינלעכער, ווייל דער אונטערשייד צווישן מיין געוועגלעכן צושטאנד און מיינע דריי און צוואנציק יאר איז, מיט די יארן, כסדר געווארן גרעסער.

„פון דער אנדערער זייט איז עס געווארן אוממעגלעך מיך צו באהערשן. קענט איר אייך פארשטעלן, אז אן איינזאמע זקנה וועט זיך אפזאגן צו געניסן אמאל א טאג-צוויי פון שיינקייט און ליבע, פון רייץ און פרייד? געליבט צו ווערן איין טאג, באגערט צו ווערן איין שעה, גליקלעך צו זיין אויף איין מאמענט! איר זענט צו יונג צו פארשטיין בכלל מיין פארגעניגן.

„אבער די טעג האלטן זיך שוין ביים פארענדיקן — מיין קרעדיט האלט זיך ביים שליסן אויף אייביק. דענקט נאר דערפון: כ׳האב נישט מער ווי בלויז איין טאג צו פארלאנגען! נאך דעם טאג וועל איך שוין זיין אנטגילטיק א זקנה אין פאראורטיילט צום טויט. נאר נאך איין ליכטיקער טאג און דערנאך די חשכה אויף אייביק! טראכט דאס גוט איבער, איך בעט, אייך, די גאנצע אומפארויסגעזעענע טראגישקייט פונם לעבן מיינס. פארויס פון פארלאנגען אט דעם טאג . .

„ווען אבער וועל איך אים פארלאנגען? וואס וועל איך טון מיט אים? ס׳איז שוין דריי יאר ווי כ׳בין נישט מער יונג און אין ווין דערמאנט זיך כמעט מער קיינער נישט אין מיר און מיין גאנצע שיינקייט וואלט אויסגעזעען ווי געשפענסטעריש. און דאך פיל איך די באדערפעניש פון א ליבהאבער, פון א ליבהאבער אן חרטה-געפילן און פול מיט ברען. כ׳האב די באדערפעניש געצערטלט צו ווערן נאך איין מאל איבער מיין גאנצן קערפער. דאס דאזיקע געראנצלטע פנים מיינס וועט נאך א מאל פריש און רויטלעך ווערן און מיינע ליפן וועלן נאך וועקן, צום לעצטן מאל, באגער. ווייסע און געשפאלטענע ליפן, נעבעך! זיי באגערן צו זיין רויזיק און הייס בלויז נאך איין טאג, איין איינציקן טאג נאך, פאר א לעצטן ליבהאבער, פאר א לעצט מויל!

„איך קען מיך אבער נישט אנטשיידן. כ׳האב נישט דעם כוח אויסצוגעבן די לעצטע קליינע מטבע פון אמתן לעבן, וואס בלייבט מיר נאך איבער און כ׳ווייס נישט וויאזוי זי אויפצוגעבן און האב אזא משוגענעם חשק זי דאך אויסצוגעבן . . .“

אזא ליבע פרינצעסין, נעבעך! נאך מיט אפאר מינוט צוריק האט זי

אויפגעהויבן איר וואוואל און די טרערן האבן איר אנגעמאכט אזעלכע דינינקע ריטשקעלעך אינם פודער אויפן פנים. אין יענער רגע האבן די זיפצן, אויף וויפל זיי זענען געווען אריסטאקראטיש אונטערדריקט, איר געשטערט ווייטער צו רעדן. איך האב דעמלט דערשפירט איך מיר א גרויסן באגער, זאל עס קאסטן וואס עס וויל, צו טרייסטן אט די זיסע אלטיטשקע און בין איר געפאלן צו די פיס — צו די פיס פון א גערונצלטער פרינצעסין געקליידט אין שווארצן — און האב איר געזאגט, אז איך וואלט זי געליבט מער ווי א משוגע־געווארענער אידלמאן און זי געבעטן, מיט די צערטלעכסטע רייד, מיר צו שענקען, טאקע מיר, דעם לעצטן טאג פון איר שיינער יוגנטלעכקייט.

געניי ווייס איך נישט מער וואס איך האב צו איר גערעדט, אבער מיינע ווערטער האבן זי געמוזט רירן, ווייל זי האט מיר צוגעזאגט, מיט איניקע ביסל טעאטראלישע פראזן, אז איך וועל זיין איר לעצטער ליבהאבער אויף איין טאג אין אן ערך א חודש ארום. אזויווי איך האב גראד געהאט א באשטעלונג דעם טאג אין דער זעלביקער ווילע, האב איך מיך מיט איר געזעגנט טיף גערירט נאכן קושן אירע מאגערע און ווייסע הענט.

בשעת כ׳האב מיך אומגעקערט צוריק אין דער שטאט אריין, ביינאכט, האט א נאך נישט פולע לבנה כסדר אויף מיר געבליקט מיט סארקאסטישער רחמנות, איך אבער האב צופיל געטראכט פון מיין פרינצעסין צו נעמען די לבנה ערנסט.

דאס איז געווען א לאנגער חודש, דער לאנגסטער אין מיין לעבן. כ׳האב געהאט צוגעזאגט מיין צוקונפטיקער געליבטער, אז איך וועל זי נישט אויפזוכן ביז צום באשטימטן טערמין און האב מיין הבטחה געהאלטן. נישט געקוקט אויף קיין זאך איז דער טאג דאך אנגעקומען און ר׳איז געווען דער לענגסטער טאג פון אט יענעם לענגסטן חודש. אבער אויך דער אוונט איז סוף־כל־סוף אנגעקומען און נאכן אנטון מיך אין מיינע בעסטע מלבושים בין איך אוועק צו דער ווילע מיט א ציטערנדיק הארץ און אומזיכערע טריט.

פון דער ווייטנס שוין האב איך געזען די פענסטער באלויכטן ווי נאך קיינמאל נישט און דערנענטערנדיק מיך האב איך געפונען דאס טויער אפן און דעם באלקאן באלאדן מיט גרויסע בלומען. כ׳בין אריין אין דער ווילע און אדורכגעגאנגען צום סאלאן, וואו אלע ליכט פון צוויי פאנטאסטישע קאנדעלאברעס האבן געלויכטן.

מען האט מיך געהייסן צווארטן און האב צוגעווארט. קיינער איז נישט געקומען. דאס גאנצע הויז איז געווען שטיל. די ליכט האבן געברענט און די בלומען האבן פארפומירט די איינזאמקייט. נאכן אפזיצן א שעה פון אומרואיקן ווארטן, האב איך מיך שוין נישט געקאנט איינהאלטן און בין אריינגעגאנגען אין עסצימער. צוויי ערטער אויפן טיש זענען געווען געגרייט און בלומען און פירות אסך. כ׳בין אריינגעגאנגען אין א קליינעם סאלאן, מילד באלויכטן און ליידיק. צום סוף בין איך צוגעקומען צו א טיר, וואס איך האב געוואוסט, אז עס איז פון דער פרינצעסינס צימער. כ׳האב אנגעקלאפט



צוויי-דריי מאל, אבער כ׳האב נישט באקומען קיין ענטפער. האב איך מיר געפאסט מוט, טראכטנדיק אז א ליבהאבער מעג אמאל פארגעסן עטיקעט, און האב אויפגעעפנט די טיר, בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל.

דאס צימער איז געווען פול מיט רייכע קליידער אנגעווארפן דא און דארטן ווי מיט רוגזה בעת א רויבעריי. פיר קאנדעלאברעס אויסגעשפרייט ארום א צאנקענדיקן גרויסן שיין. די פרינצעסין איז געזעסן אויסגעשפרייט אויף א פאטעל פאר א שפיגל, אנגעטון אין איינס פון די שענסטע קליידער, וואס איך האב ווען עס איז געזען.

איך האב זי גערופן און זי האט נישט געענטפערט.

כ׳בין צוגעגאנגען, האב זי אנגערירט און זי האט זיך נישט באוועגן. איך האב דעמלט איינגעזען, אז דאס פנים אירס איז געווען ווי כ׳האב עס אלעמאל געהאט געזען, קליין און ווייס, און אביסעלע טרויעריקער ווי געוויינלעך און אביסעלע דערשראקן. כ׳האב ארויפגעלייגט מיין האנט איר אויפן מויל און האב נישט געפילט קיין שום אטעם — האב זי ארויפגעלייגט איר אויף דער ברוסט אוןהאב נישט געפילט קיין ריטעם.

די פרינצעסין איז געווען טויט — זי איז זיס געשטארבן, פלוצלינג, בשעת זי האט דערשנאפט פארן שפיגל דאס אומקערן זיך פון איר שיינקייט.

א בריוו, וואס כ׳האב געפונען אויף דער ערד, לעבן איר, האט מיר אויפגעקלערט דעם סוד פון איר פלוצימדיקן סוף.

דער בריוו האט אנטהאלטן איניקע שטראם־גלייכע שורות שריפט און געזאגט :

„איידעלע פרינצעסין,

עס טוט מיר אויפריכטיק באנג וואס איך בין נישט בכוח אייך אומצוקערן אין קורצן דעם לעצטן טאג יוגנטלעכקייט, וואס כ׳בין אייך שולדיק. עס געלינגט מיר מער נישט צו געפינען גענוג אינטעליגענטע פרויען צו גלויבן מיין אומגלויבלעכער הבטחה און מיין טאכטער איז אין א סכנה.

„איך וועל נאך פרובירן אויפסניי און וועל אייך געבן צו וויסן די רעזולטאטן, ווארום עס איז מיין ערנסטער וואונטש אייך צופרידן צו שטעלן ביז צום סוף.

„גלויבט מיר, הויכגעשעצטע פרינצעסין,

„אייער איבערגעגעבנסטער . . .“

די אונטערשריפט איז נישט געווען לעזבאר.

איבערזעצט פון איטאליענישן אריגינאל, א. אלמוג

א. נ. שטענצל

## פארן לעצטן געראנגל

2

נישט איך האב מיך אויסגעקענט אין דייטשלאנדס געאגראפיע, נישט קיין סך געוואוסט פון דער גערמאנישער געשיכטע; מיטן ביסל דייטשע

ווערטער אין מויל, מיט די פאר אפגעציילטע מארק אין קעשענע, די קורצע „בריטשעס" איבער די דאר־נאקעטע קני, האב איך מיך געלאזט איבערן פייגל־צעזונגענעם, שטילן פראנקן־וואלד, איבערן טונקל־שאטנדיקן, שטראלן־צעציטערטן, ווינטן־וואיעדיקן שווארצוואלד, איבערן זוניק־קרישלדיקן אלגוי, צו די ליכטיק־ריזיקע אלפן.

דאס וואנדערן אין דער זאקסישער־שווייץ, אין די הארץ־בערג צום „בראקן" ארויף, ארום דער אסט־זעע, איז די נאטור נאך — געווען מיינע — א מזרח־אייראפעאישע.

אבער אפשר כדי אוממיטלבאר פארכאפט צו ווערן פון דער ווילד־פרעמדער, גערמאנישער לאנדשאפט; צו דערשפירן דאס קולטיווירט־באצ־וואונגענע, מיט טויזנט וועג־ווייזערס געארדנטע, איז אפשר דווקא די פרי־מיטיוקייט טאקע נויטיק . . .

דאס נאטירלעכסטע, דער נאטירלעכער־וועג צו דערפילן; ס'האט גע־ציטערט אין מיר, אין מוראדיק פרעמדן וואלד א היימישער תפילת־הדרך —

דער חשכות־געדיכטער צווייג־געוויש איבער דיר — הענט שטרעקן זיך נאך דיין פארשכורט־צערוישטן קאפ! — דער ווארצל־געפלעכט אונטער דיינע פיס — פאנג־נעצן זיינען אויסגעלייגט! און טויזנט וועגווייזערס ווייזן דיר טיף אראפ אין א פינסטערן טאל, וואו אלע רוחות און מכשפים קאנען דיך באגעגענען, אלע ווילדע געטער — וואטאן אליין מיט זיין דעמבענער פולקע! נאך גוט וואס דו קענסט כאטש די גוטע מכשיפה פון די ברידער גרים . . . דער פארשטעלטער בער זאל מיך נאר נישט אויפרעסן . . .

דו דערקלעטערסט, דיך קלאמערנדיק מיט הענט און פיס, דעם צעדרייט־משופעדיקן ווילד־צעהויקערטן בארג, וואס נאר א צעהרגעטער, מיט צעבראַ־כענע הענט און פיס, קאנסטו דיך צוריק אראפקוילערן און בלייבסט שטיין א נשתוממדיקער אויף א רויט דעכל —

א דערפל א לילית־לאכנדיקס! א תאווהדיק־צעגאווערטס — זילבער־ריטשקעלעך פארקלינגען דעם בערג־געראנגל ארום און ארום.

ס'איז היי־שניט, ס'איז פרילינג־פארנאכט. קלינגט דאס קלויסטערל צו א לעצטע תפילה אדער די בלאנקע קאסעס, וואס דערווייטערן זיך בלוטיק־טריפנדיק אין זון־פארגיי?

דו שלאפסט איין אויף אזא פריש־געשניטענער היי־קופע, א קלאווער־שמעקעדיקער, א חושים־פארטויבנדיקער — טויזנט און איין נאכט.

בין איך נישט היינט געגאנגען דורכן „פאראדיז־וועג", וואו טויזנט וועגווייזערס האבן מיט שטעכעדיקע פינגער, ווי מיט שפיזן אהין געוויזן?

א גאנצע נאכט א פיבערדיקער מיך געווארפן און א פארמאטערטער אויפגעוואכט שכורלעך־וואקלענדיק, א פארחלומט־פאשפינטער אין דעם נעפל ארום, איבער די בערג פיקט זון זיך ארויס אזא בלוטיקע — א ווילדער פויגל!

דאס אנקומענדיקע „יאדל"־געזאנג, דאס פריש־געשארפטע קאסע־גע־קלאנג און דו בלייבסט שוין שטיין צווישן די לאכנדיקע „הארקערינס" מיט א



גראבליע אין דער האנט און דו פילסט ווידער דעם זיסן טעם: „בזיעת אפיך תאכל לחם". ואפנים, אפילו די קללה פון ג־אט פארוואנדלט זיך אין א ברכה.

ביינאכט, מיך לייגנדיק שלאפן אין דארף־קנייפעלע, „צום שווארצן בער" האב איך ערשט געזען, אז מיינע קעשענעס זיינען ליידיק. און נאך דער אכילה־גסה, נאך א לאנגן טאג שווערער ארבעט, האב איך „געחמורט" ווי א געהרגעטער.

א גוט־אויסגעשלאפענער, א זאט־אנגעגעסענער, מיט א שפאר ביסל קלינ־גערס אין דער טאש, האב איך מיך נאך א דריי־פיר טעג ווידער ארייגעדרייט אין א וואנדער־„בורשן" חברה און זינגענדיק און הארפן־קלינגענדיק אנגע־קומען אין א יוגנט־„הערבערגע" אין א זיד־דייטש אלט שטעטל צי שוין גאר אין א רהיינלענדישן — ווער קען זיך אויס?

חברה, אפנים, האבן זיך יא אויסגעקענט! דארט ערגעץ ארום הוסטס קבר האט זי זיך געטיילט — טייל אראפ אין רוהר־געביט, טייל ארויף קיין היידלבערג.

דאכט זיך כ'האב אים געזען יענעם מיט די דיקע אויגנגלעזער, מיט די דארע, שלאנקע קני, וואס קוקן אים ארויס פון די אביסל צו קורצע „בריטשעס".

ער איז געווען צו פארטון מיט זיך — ער האט נישט געקענט זיך אנטשליסן וואו זיך אנצושליסן.

יא, נאך דער מפלה, וואס דאס דייטשע קייזערטום האט געליטן אין דער מלחמה פון 1914-1918, האט די ראמאנטישע שטאט־יוגנט געזוכט זיך אפצופרישן אין די אלטע, געשיכטלעכע שטעט, אין די גערמאנישע אור־וועלדער — אין סאנץ־קנעכט זיך צו פארוואנדלען, אין וואנדלדיקע ריטער . . .

טיפע טיזיול־טאלן, ברויזנדיקע וואולקאנען־לאוועס, באדעקטע מיט זיד קרישלענדיקע קלויסטערלעך, מיט פאלאצן־חרבהלעך — פון קולטיווירטן גרינס און בלומען־צוכט קוקן ארויס אויפגעטאקטע הייזלעך מיט רויטע דעכער — אונטער וועלכע ס'שלאפן פארכשופטע פרינצעסינס . . .

דער צוועק פון „מיין געראנגל", די פראזע־בלעטלעך פון די לעצטע יארן זיינען אבער נישט קיין טעווטאנישע נאטור־שילדערונגען, אפילו נישט קיין אוואנטוריסטישע שטיק פון א יידישן „פאעטלינג" — א תינוק שנשבה בין העכו"ם און פארכלינעט זיך מיט דויטשע ראמאנטיק.

מיין צוועק אצינד איז געווען צו קומען אין דער שווייצערישער שטאט באזל אריין, וואו די יוגנט־בילדער און ערשטע צייכענונגען פון ווינצענט וואן־גאך זיינען אויסגעשטעלט איידער זיי ווערן אפגעשיקט קיין אמעריקע, אפ־געקויפט פון א דארטיקן, רייכן קונסט־הענדלער.

עס זיינען דאך געווען דעמלט יענע וואן־גאך יארן א לעצטער, גרויסער אויסגאנג נאך פון געוואלטיקע קונסט־עפאכעס, צעטומלטע מיט משוגעת־טעאריעס. און דא האט א ראמאנטיש־טרוימעריש הארץ, ביז משוגעת ממש, אפגעשלאסן א לעצטן אויסגאנג פונם קלאסיציזם מיטן אימפרעסיאניזם —

געפונען אין גאנצקייט פונם ארום מיטן איך — דעם שורש פונם עקספּרעסיאניזם!

זיינע זון־ברענענדיקע סלאנעטשניק־בלומען, זיינע ווילד־רוישנדיקע ציפּרעסן זיינען פייער־שפּייענדיקע לאווע־שיינקייטן — גאט רוישט נאך צווישן זייערע בלעטער: „איכה" — מענטש ווו ביזט דו?

עס איז געווען די צייט, ווען די יוגנט איז פארכאפּט געווען פונם מענטש און קינסטלער ווינצענט וואן־גאך.

בכל־אופן, אזוי איז עס געווען ביי מיר!

קיין סך האב איך נישט געזען מער אין די צייכענונגען פון זיינע יוגנט־יארן, אחוץ די ערשטע פּרואוון צו זיינע „קארטאפל־עסער"! — ווי האט דער מענטשלעכער ברען פון יענע יוגנט־יארן שפּעטער געוואלטיק אויפגעפלאמט אין זיינע ציפּרעסן — די עטיש־עסטעטישע הארמאניע פון איין מענטשלעכע גאנצקייט.

יא, דאס אליין האט שוין געלוינט און איז שוין גענוג געווען! נאר אפשר איז דער צוועק נישט רק געווען די יוגנט־צייכענונגען פון וואן־גאך, גאר דאס אונטערבאוואוסטזיין צו קענען זיין אין סאנקט־גאלען. עס איז דאך טרודע זש, די וואונדערלעכע און זיך אזוי ארייגעטועגע — אפשר די איינציקע אין דער סעגאל־שולע, וואס אירע צייכענונגען מיט איר גופא האבן אזוי טיף הארמאנירט — דעמלט פאר דריי יאר אהיימגעפארן און גארנישט פון איר געהערט . . .

ערגעץ איז דאך סאנקט־גאלען אין דער געגנט פון ציריך — ביך איך אהינגעפארן נאכן זען די אויסשטעלונג, נאך געכאפּט א בליק אויף האלביינען — איז דאך גאנץ באזל פול מיט אים!

געקומען קיין ציריך, איז וואו גייט מען אין דער פרעמדער שטאט? געקויפט די יידיש־דייטשע צייטונג, אויפגעזוכט דעם אדרעס, האט זיך מסתייע־מילתא געווען, אז די סעקרעטארין איז פון סאנקט־גאלען און אז זי איז א פריינדין פון טרודע זש און זי ווייסט פון איר, אפילו פון מיר.

יא, זי האט מיר אסך צו דערציילן! יעצט אבער גייט די צייטונג צום דרוק און יעדע מינוט איז צופיל. „פארנאכט טרעפן מיר זיך אונטן, דארט אקייגנאיבער אין קאפעע".

* * *

עס איז געווען א וואונדערלעכע סוף פרילינג נאכט און מיר זייבען געזעסן אויבן אויפן ציריכער בארג — און אנגעצונדענער קאלייסדאסקאפּלאמטערן האט זיך די שטאט געדרייט ארום אים. אויף א באנק, גאנץ פאררוקט אין א ווינקל, זיינען מיר געזעסן און איך האב געהערט אזוינס, וואס דער קאפּ האט זיך מיר גענומען מיטדרייען —

„ווען טרודע איז אהיימגעקומען פון דער סעגאל־שולע האט זי זיך אין דעם קליינעם שפּיסבירגערלעכן סאנקט־גאלען דא קיין ארט מער נישט געפונען. איך פלעג אסך צוזאמען זיין מיט איר אין יענע טעג. זי האט מיר



אסך דערציילט. „איך פון אייך:" האט זי מיך, די דערציילערין, בשעת מעשה געצעקיקט מיט אויפגעגלאנצטע, שארפע אויגן.

„אין איין טאג בין איך ארויפגעקומען צו איר, האט מיר איר ברודער געזאגט, אז זי איז געפארן קיין פאריז, זי וויל דארט ווייטער שטודירן מאלעריי . . .

איין קארטל האב איך פון איר: „א בארימטער ארכיטעקט האט זיך אין איר פארליבט".

אלץ איז געגאנגען „לויט דער פארשריפט"! ווען זי האט געברויכט גיין צו קינד, איז זי אהיימגעקומען.

„יא, זי אבער גארנישט אויסגעזען ווי א פארליבטע . . ."

זי האט געהאט דאס קינד, אבער זי איז שוין נישט מער אהיימגעגאנגען.

די עלטערן האבן צוגענומען דאס קינד און זי געפינט זיך שוין איבער צוויי יאר אין א סאנאטאריום.

ניין, עס האט קיין צוועק זי צו באזוכן. זי דערקענט סאַי־ווי קיינעם נישט.

יא, אזוי זיינען זיי די גאנצע מענטשן: זיי קאנען זיך נישט טיילן און ווען זיי טוען עס, ווערן זיי צעבראכן.

האב איך דאס ארויסגערעדט אדער די כישוף־לאמטער הינטן, וואס האט זיך געהאלטן אין איין דרייען?

מיר זיינען געזעסן א לאנגע צייט שטיל. ווען כ׳האב אויפגעהויבן די אויגן, האט זיך די לאמטערן אונטן נישט מער געדרייט און אויבן האט דער הימל גענומען גרויען.

איך האב קיין וויזע אין דער שווייץ נישט געהאט, אפילו נישט קיין פאס. איך האב געהאט א „פּשעפּוסטקע" קיין באזל, אזוינס וואס גרענעץ־איינוואוינער באקומען אויף דריי טעג. איך האב דערציילט דעם גרענעץ־באאמטן דעם צוועק פון ווילן אריבער גיין קיין באזל און ער האט מיר געגעבן די עצה . . . היינט איז געווען דער דריטער טאג און איך האב אים נישט געוואלט אנטוישן.

„די סעקרעטארין" האט מיך געבראכט צו דער באן.

איך האב באשלאסן די צוריק־טור צו מאכן דורך מינכן; זען די בילדער פון דער אלטער און דער נייער פינאקאטעק, טרעפן דארטן די תושבים פּאעטן, יוסף הלל לעווי און שינדלערן, און ווי שייך האבן א שטיקל אוונט און ממילא שוין אנגעקומען קיין בערלין מיט א באן־בילעט און מיט אביסל מזומנים אין טאש.

נאטירלעך, האט מען מיך ביי יוסף הללן אויפגענומען ווי אן אייגענעם, צונויפגערופן אין אן אוונט די פאר „יידישיסטן" פראוון ליטעראטור, מיך געזעצט אויבנאן, געהאלטן רעדעס. זיכער וואלט זיך צונויפגעקליבן אויפן „באנקעט" די פאר גראצער, וואס זיינען בויטיק אויף א פערטע קלאס בילעט פון מינכן קיין בערלין — לעווי האט זיך געפילט ממש א מחותן . . .

אינמיטן „פראַווען“ האָב איך אַ פאַרנודיעטער דערפילט די קליין־ביר־גערלעכע, בעל־ביתלדיקע איינגעאָרדנטקייט און אַז כ׳בין דאָ, סך־הכּול, אַריינגעפאַלן מיט מיין רוקזאַק און „ברייטשעס“ ווי אַ יוון אין דער סוכּה. האָב איך מיך „בשיחו לבתומו“ אַ דריי־אַרויס געגעבן אינם קאָרידאָר אַריין, גענומען מייַן רוקזאַק און „הלך משה מרדכי“!

דעם אַדרעס פון דער „יוגנט־הערבערגע“ אין מינכן האָב איך געהאַט. אפשר וועל איך אים דאָרט טרעפן, יענעם קורצזיכטיקן מיט די דיקע אויגנגלעזער נאָך אַלץ לייענענדיק דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“.

ניין, איך האָב אים נישט געטראָפן! אָבער קלאָר איז מיר שוין דעמלט געווען, אַז יענע יאַהודימשע, גרויס־בירגערלעכע וועלט־פרעדיקער פון מאָנאָטעאיזם און דער ידישער „הויזירישער“ פּראָלעטאַריאַט מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם,ביידע טראָגן זיך אַרום מיטן „היתּר מאה רבנים“ פון אַסימילאַציע — זיי מוזן דאָך האָבן עפּעס גרויסעס, כּדי צו מעגן אַנטלויפן פון זייער קליין, אָרעם פאָלק צו אַ גרעסערן אַ רייכערן.

אַ, ווי דרייט מען זיך דאָס אַרויס פון דעם דושנעם און טובלען קליין־בירגערטום? ווילאַנג קאָן מען זיך דאָס דרייען אויפן קאָרק?

יאָ, איך מוז שוין גיין אַזוי מייַן וואַגל־וועג — ער ציט זיך דאָך, דער רויטער פאָדעם — וואַרשע־ווילנע איבער מאָסקווע־ניו־יאָרק. אָ, ער טאָר נישט איבערגעריסן ווערן.

יאָ, דער זיידענער פאָדים פון אונזער מאָדערנער פּאָעזיע מוז ווייטער געשפּונען ווערן, און ווי אָבער אַז ס׳וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז עס זיינען גרויע שפּין־פעדים און טויטע פליגן גוססדיקע, זשומענדיקע צאַפּלען דערין.

ממש מיך וואַרפנדיק אַ גאַנצע נאַכט אויף דער מאַטראַץ אין דער מינכענער „יוגנט־האַרבערגע“ אַ פליג אין שפּין וועב, איז מיר געגאַנגען דורך די געדאַנקען ווי אַ וועב־שיפל די טרילאָגיע: „משה מאַץ“, „יאַסקע בעל־מום“ און „דער פּרעסער“.

אַרויסגעבנדיק מיין לעצט ביכל אין בערלין, „פון דער היים“, עפּישע לידער איבערן בעל־שם, דעם בראַצלאַווער, דעם רבין ר׳ אלימלך דעם ייד־הקדוש, דעם קאָצקער, האָב איך אויפן לעצטן זייטל אַנאָנסירט די טרילאָגיע און זי האָט געזאָלט באַלד דערשיינען.

דעם 18טן נאָוועמבער, 1936, האָב איך געמוזט שנעל עוקר זיין פון בערלין. פון אַלע מיינע כּתבים האָב איך נאָר דעם איינעם מאַנוסקריפּט מיט מיר מיטגענומען. און מיין טאַטנס צוואה. ליגן זיי נאָך פאַרפּאַקט אַזוי אונטער אַ באַרג ביכער און שמות, און וואָס פון יאָר צו יאָר ווערט ער גרעסער און שטויביקער. איך האָב מיך מורא צו דעם באַרג צוצורירן.

* * *

ווי בקיצור איך מוז מיך נישט האַלטן, דאָס אָבער מוז נאָך אויפגעשריבן ווערן — „מעז יצא מתוק“!

פון מינכן קיין בערלין גיי איך מיט חבֿרה, וואָס האָבן געהאַט „לאַנד־



קאַרטן“, — ירושות פון זייערע געהרגעטע טאַטעס, די מלחמה־העלדן—. און אַט זע איך פונם שטעטל, וואו מיר זיינען איצט, איז בסך־הכּול אַ דרייסיק קילאָמעטער קיין אייזנבעק, וואו די קראַנק, זיך אויסרוענדיקע עליזאַבעט וו. איז אין דער היים דאָרט ביי אירע עלטערן, אין איר געבוירן־שטעטל.

די לאַנדקאַרטע איז אויסגעשפּרייט אויף אַ פויערישׁ וועגעלע אינמיטן מאַרק — אַ בינען־צוכטער, וואָס פאַרקויפט עמערלעך האָניק פון זיין בינשטאָק; און וואָס קאָן שוין זיין בעסער און הייליגער פאַר „אָנגעגריפּענע“ לונגען ווי בינען־האָניק? — ס׳שטייט טאַקע „לא מדבשך ולא מעוקצך“. אָבער מ׳קוויקט זאָך מיט אַ ביסעלע זיסן האָניק . . .

כ׳געזעגן מיך מיט חבֿרה, קויף אַזאַ עמערל האָניק און לאָז מיך קיין אייזנבעק מיטן רעכטן פוס.

* * *

צוריק אין בערלין, איז וואו גייט מען, וואו לייגט מען אָפּ דעם רוקזאַק? מילא, אין „ברייטשעס“ וועל איך מיך שוין אַראָפּשלעפּן ביז איך וועל אַרויסוואַקסן פון זיי . . .

איך קום אין דער אויגוסט־שטראַסע, ביי די בראַנשטיינס איז געשלאָסן. העלאַ האָט חתונה געהאַט מיטן לאַנגן רייך; מאַקס האָט שוין אַן אָפּן געשעפט אַרום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ — דאָס הייסט מרים! — מאַקס איז אין ווייִמאַר אין „באַו־האַוז“.

איך לאָז מיך אַרויף צו שמואלן. אויבן איז תּמיד לעבעדיק: אַברהם מרגליות, נחמיה מאַסטבוים. מ׳דיסקוטירט, ס׳קאָכט זיך: קונסט־טעאָריעס, סאָציאַל־רעפאָרמערס, מ׳פאַרבעסערט די וועלט, מ׳פאַרשענערט זי . . .

שמואל דערפרייט זיך מיט מיר און פירט מיך אַריין אין קיך אויף אַ „סוד“ —

עטאַ פעדערן־קאָלהאַוז, דו ווייסט, וואָס האָט איבערגעזעצט מיין „לעגענדע“, איבערזעצט איצט דיין „פישער־דאָרף“, אָבער זי קען נישט אַרויסדערפון, זי מוז דיך זען! זי האָט שוין פאַרענדיקט, אָבער עפּעס קלייניקייטן.“

„וויאַזוי, וואָס? איך האָב דאָך גאָר אינגאַנצן אין כּתב־יד, און דאָס — „דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס!“

עפּעס הייב איך שוין אָן צו פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך. עפּעס שטויס איך מיך אָן.

„ווייסט וואָס, גיב מיר איר אַדרעס. איך לאָז דיר דעם רוקזאַק דאָ אַ משכּון און איך פאָר תּיכף אַהין צו איר“.

איך מוז נאָך צוריק אַריין אין שטוב. ביים צוגיין, נעמט מאַסטבוים מיט דעם רוקזאַק און ביז 12 האַלבער נאַכט, אַז כ׳קום צוריק וועל איך ביי אים אַנקלאַפּן אין טיר.

איך לאָז מיך אויפן אַדרעס פון עטאַ פעדערן־קאָלהאַויז.

— שלוס פון קאַפּיטל אין קומענדיקן נומער —

# אקטאבער - לידער

1

מכשיפה אויף בוים זיך אויפהענגען,
ס׳ווינט א ווינט — א הונט וואלט זיך געריסן!
מיט ווילדן געוואי די לעצטע בלעטער
פון דיביימער בילנדיק געביסן.

מוראדיק דער הימל זעט אצינד אויס,
איר פליך־קאפ זוכט די זון צו פארדעקן;
שלעפט אויף זיך ארויף וואלקן נאך וואלקן,
א סטראשילדע, די פייגל זיך שרעקן.

צעפליען זיי זיך ווו דער פעפער וואקסט,
מעבר לימים, מיילן אויף מיילן;
די ביימער אבער פארווארצלט בלייבן,
מיט שטומע הענט א מעשה זיי דערציילן.

מיט די צווייגן קנאקנדיק זיי ריידן —
פון ווייַ ברעכן זיי זייערע פינגער,
און אין שטורעם און אין זאווערוכע,
נעמען זיי קרעכצן און ס׳ווערט זיי גרינגער.

2

דער גערטנער שארט די וועלק־בלעטער צוזאם,
ווי מרה־שחורהדיק שווער דאס שארכן;
שארן זיך די טויבן שטילינק צונויף,
מיט אויפגעריסענע אויגן זיי הארכן:

אוועקגעגאנגען עס איז דער זומער,
ווען דער קומענדיקער צוריקקומען?
א, נישט מיר שוין העמלט, אנדערע גאר,
וועלן פרייד־וואָרקענדיקע דא ברומען.

בלויז א בוימל מיט לעצטע בלעטלעך נאך
שאקלט טרייסטנדיק מיט זיינע צווייגן:
די „אנדערע“ זיינען דאך אייערע
פון אייערלעך, וואס איר געטון לייגן —

אנטפלעקט ליכטיק זיך אן אקטאבער־זון,
שקיעהדיק, לויכטנדיק, טרוים־פארדעמערט,
און די ביימער נאקעטע שוין צעשטרעקטע —
קאנדעלאברעס זילבערן געהעמערט.



3

אין צעפונקלטער, אין לויטערער זון,
א בוים א ברייט־צעשטרעקטער געשטאנען;
יעדעס בלעטל א גיך־גאלדנס פארוועלקט
ווי פריילעך־שארכנדיק אין זיין וויאנען.

הויפנס מיט רענדלעך ווארפט ער ארום זיך,
קוילערנדיק ווי לויטער זיי קלינגען;
א לעצטער פויגל געזעגנט זיך,
ווי גין־גאלדן, ווי הארציק דאס זינגען.

ביינאכט אין טרוים נאך געזען דעם בוים,
און דאס פייגעלע געטון כ׳האב הערן,
און אין די קאנדעלאברע־רערן
ווי גין גאלדן געפינקלט די שטערן.

וואלקנדל אריין, וואלקנדל ארויס,
לבנה אין איין לייכטן און פארלעשן;
געאקערט, געזייט, געיעט, געשניטן —
מיר האלטן אין איין מאליצען און דרעשן.

א קוהלת־ווארט דרשנט זיך אין מיר,
ס׳מליצה׳ט — כ׳ווארף מיך צווישן שלאף און וואכן!
ווען לבנה קוקט דורך דער שויב אריין,
דוכט זיך מיר זי האלט אין איין לאכן:

אויב איר געבוירענע נישט שטארבן וועט,
די ערד מיט וואס וועט זי זיך דערנערן?
אזוי אבער דרייט זי זיך, דרייט זי זיך,
און וועט זיך צו דרייען נישט אויפהערן.

אויב ס׳וועט אנדערש זיין, פונקט ווי איך,
עס וועט אייער ערד ווערן פארלאשן,
אויסזען פון ווייטן — א גאלדן רענדל,
פון נאנט — א מעש־פארזשאווערטער גראשן.

4

אבער איבערגעבליבן זיין ניגון;
ווי זיך נישט רייסן קראען אויף גארגלען,
יא, אוועקגעפלויגן ס׳איז דער פייגל,
אזא געזאנג נישט איבערגעשריגן.

## בערנארדל

(דער מאמען פארן צוגעשיקטן פאטא־בילדל)

וויפל פארשטאנד אין דעם שלאנקן רוקנדל,
ערשט ס'בליקל ס'נעמט קלוג־קאסאקא קוקן;
מ'זעט א קינדעלע אזוי צארט שטאלץ זיצן,
צניעותדיק ס'הארץ פאר גאט טוט זיך בוקן

פלאטערט נישט גאטס פליגל איבערן קעפל —
ווי שמייכל שוועבט הייליק אויף ליפל?
דאס גאנצע קליינע גופל אויסצוקושן —
מינדסט געטאקט ביינדעלע, פוכיק ריפל.

און ווען ס'שפילט זיך זיס מיט זיין פלינק הענטעלע,
קינצעלעך מיט פינגערלעך ס'טוט מאכן,
מיט טויזנט־און־איין גלעקל ס'צעקלינגט די שטוב —
פון א חכמהלע, מסתם, ס'טוט לאכן!

ווי פלינק די מייזלעך לויפן אויף די ווענט,
די קעצלעך אויפן באלטן טאנצן;
פון ערשטן ציינדל, ווייס־קלארינק אין מיילכל,
דער שפיגל א צעשטראלטער נעמט גלאנצן.

ס'ערשט ווארט זיינס זי הערט פלאפלדיק שטאמלען,
זי רעדט מיט גאט, דאכט זיך אויס דער מאמען;
צי איז ער נישט גרויס און זיכער דער באווייז
פון גאט אלע מענטשן־קינדער שטאמען?

ערשט שטערנדל גין־גאלדן ארומקרייזן
די קלוג־צעקלינגטע לאקן קרייזעלעך!
אפנים בלויז מיר וואקסן ארויס פון גאט
ווי קינדער פון די קינדער־הייזעלעך.

סעם גאלדבערג

## דער גרויסער נס

„יידישע זינגענדיקע פייגעלעך אין דער גאלדענער מדינה“

אויף בראדוועי, 46סטע גאס, אין א דריי־שטאקיקן, טיפן קעלער און דווקא דארט וואו איר ריכט אייך נישט, וואקסט אויס א שיינע, בלענדיקע בלום, פון וואנען יידישע פייגעלעך פישטשען ארויס זייערע הארציקע מעלאדיעס, וואס זיי האבן איינגעזויגן פון זייערע יידישע מאמעס, און דווקא אויף בראדוועי אין טעאטער־לאנד, וואו עס געפינען זיך הונדערטער פארשידענע טעאטערס, און קאבארעטן אויף אלע שפראכן. דווקא דארט געפינט זיך אויך א



דיש רעווי־טעאטער אונטערן נאמען „דער יידישער מעיפעיר טעאטער“.

עס איז טאקע דריי שטאק טיף, און עס זעט אויס ווי א מקום, וואו די אמאליקע מאראנען פלעגן זיך אויסבאהאלטן פון דער שפאנישער אינקוויזיציע. מילא, זאל זיין אזוי.

אבער קיינמאל נישט — און קיינער נישט! — וועט קענען איינהאלטן דעם שטארקן ווילן פון יידישן קינסטלער. צום ביישפיל, אין דעם טעאטער זענען די אנפירער די באוואוסטע שוישפילער בען באנוס און מינא בערן. יעדע וואך טרעטן דארט אויף אנדערע אקטיארן. אויך א נייער פילם ווערט דארט געוויזן. דאס מאל איז אויפגעטרעטן די פיינע קינסטלערין שפרה לערער, מיט א וואונדערבארן אייגענעם פראגראם. מינא בערן — אין פארשידענע ישראל־סקעטשעס צוזאמען מיטן פיינעם אקטיאר בערנארד סאער. בען באנוס, קאמפער פון דער פארשטעלונג, האט אויך געהאט א ספעציעלן פראגראם, קינסטלעריש אויסגעפירט. ווייטער טרעטן דארט אויף רבקה פעלער, מימי סלאן, שושנה ראן — אלע מיט שיינע, קלינגענדיקע סאפראנאס.

דער פילם איז געווען „טביה דער מילכיקער“, מיט מאריס שווארץ אין דער הויפט ראל.

זיי האבן געזונגען וואונדערבאר־שיינע פאלקסלידער פון די פיינסטע יידישע שרייבער. די מוזיק פון צוויי יונגע ישראלדיקע קינסטלער. מען האט געהאט גרויס הנאה, אלץ האט הארמאניזירט.

נאר איין קלייניקייט האט געפעלט — דאס פובליקום!. . .

מיט דער אסימילאציע פון אונזער יוגנט, פארלירן מיר דאס יידישע טעאטער. די יידישע צייטונג און דאס יידישע בוך. איינציקוויז קריגן אונזערע שונאים דעם פעטן ביסן. און וואס ווייניקער יידישקייט אלץ מער אנטיסעמיטיזם.

מיר האבן אלעמאל געהאט קעמפער אויפן געביט פון יידישער קולטור און יידישן טעאטער. דער קינסטלער בען באנוס איז אט אזא גרויסער קעמפער. טאקע דערפאר ווינשן מיר אים מזל און ברכה אין זיין שווערער, פאראנטווארטלעכער ארבעט.

דאס יידישע פאלק האט תמיד געליטן אין די גלות־לענדער, אבער זינט די היטלער־באנדע האט פארשניטן אונזערע זעקס מיליאן הארציקע יידן און בעסטע טעאטער־גייער — די גרעסטע קאנסומענטן פון יידישן פאלקסליד און יידישע קולטור, בכלל — איז דער מצב פון יידישן טעאטער כסדר געווארן ערגער און ערגער. און כאטש יידישע אקטיארן האבן געליטן און געהונגערט אין יענע צייטן פון פאגראמען, אבער געזונגען האט מען און געטאנצט און געלאכט. אט דאס ווערט היינטיקע צייטן פאררעכנט פאר די פריילעכע, גוטע יארן. . .

אונזער יוגנט פארשטייט אונז נישט, ווייל זי קריגט נישט קיין יידישע דערציאונג. די עלטערן שטארבן אויס און די, וואס זשיפיען נאך, דאנקען גאט, אז זיי קענען זיצן אין דער היים און קוקן אויף טעלעוויזשן. דעם יידישן קינסטלער קומט אויס צו קעמפן מיטן ווינט און צו שרייען אני שלמה, אבער

קיינער הערט אים נישט.
אונזער יידיש פאלק איז טויב, שטום און בלינד!

2

## יידישע ארטיסטן און פריינט

### — נאך א באשיידן בלימעלע —

זונטאג, דעם 13טן מערץ, 1972, איז פארגעקומען א פארדינספולער אוונט לכבוד אונזער חשובן ערן־פרעזידענט, הערמאן יאבלאקאוו, כדי אויס־צודריקן אים אונזער אנערקענונג פאר זיינע פינף און דרייסיק יאר גרויסע פארדינסטן לטובת יידישע ארטיסטן און פריינט.

עס איז געווען צוגעגרייט א שיינער באל מיט כל־טוב, מיט גאר א גרויס־ארטיקן קאנצערט, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט א צאל פראמינענטע קינסטלער. לעאן ליבגאלד, א פיינער קינסטלער, איז פרעזידענט; מארדי לערנער און שפרה לערער — וויס־פרעזידענטן.

ניין, עס איז נישט אזא לייכטע זאך צו זיין א פרעזידענט, נאך דערצו פון אן ארטיסטן־יוניאן. פינף און דרייסיק יאר האט דער באשיידענער גראד־נער בחור אוועקגעגעבן — זיינע שענסטע, בליענדיקסטע יארן — בשעת ער האט געסטארעוועט איבער גאנץ אמעריקע, זייענדיק טיילמאל אליין אויך דער דירעקטאר פון א טעאטער.

צו דעם אלעם מוז מען האבן כוח, צייט און איבערהויפט ליבשאפט צו דער פראפעסיע, בכלל און צו די חברים, בפרט. דער סטאר, דירעקטאר, פרעזידענט פון דהי היברו עקסטערס יוניאן, הערמאן יאבלאקאוו, האט זיך היילִיק פארדינט אז די חברים זאלן אים צוטיילן כבוד און אים באערן מיט אזא וואונדערבארן באנקעט און גראנדיעזן קאנצערט.

ביזן היינטיקן טאג פירט ער אן מיט דער יוניאן מיט אן „אייזערנער" האנט, און אלע האבן אים ליב.

דער שרייבער פון אט די שורות ווינשט אים אסך געזונטע יארן און כוח אנ־צוגיין מיט דער זער וויכטיקער ארבעט פון דער יוניאן און יידישן טעאטער.

די אקטריסע פעלא בירא האט פארגעלייענט א פראגמענט פון יאבלא־קאווס ניי בוך, „ארום דער וועלט מיט יידיש טעאטער". מען האט באמערקט, אז דאס איז געווען פאר אים די שענסטע מתנה.

אלעמאל ביי א פארזאמלונג האלט חבר יאבלאקא" גרויסע, לאנגע ספיט־שעס, נאר דאס מאל האט ער אלעמען איבערראשט. אלע האבן גערעדט, געזונגען, רעציטירט, אבער יאבלאקאוו נישט. ער איז געווען ווי א קינסטלער דארף זיין — סענטימענטאל!

ווען מען האט רעציטירט זיינס א פאעמע, האט זיך אים געשטעלט א טרער אין די אויגן. אט דאס איז געווען זיין גאנצער „ספיטש" פאר דעם אוונט.

לאנג לאנג וועט זיך געדענקען די שמחה פון די יידישע אקטיארן און פריינט לכבוד דעם חבר הערמאן יאבלאקאוו.



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES



## אין אונזער גארטן (אין פאלקס טאן)

א הייסער זומער טאג אין גארטן איז קיל,
זיצט זיך די מאמע ווי אין איר „שטאט" אין שיל
איר פנים געשיינט, די אויגן געגלאנצט
געבליט די בלומען וואס זי האט פארפלאנצט.

„קינדער" זאגט זי אין איר פרייד טוט שפריצן:
„ס'איז פשוט א מחיה מיט אייך דא צו זיצן".
מיין שוועסטערל האט ווי א מלאכל געשפרינגען
און איך צו איר א ניגונדל געזינגען:

„חנה רחל, טענץ מיט מיר, אמאל אהין, אמאל אהער,
ביידע הענט גיב איך דיר; ס'איז גאר נישט שווער".

מיר טאנצן אלץ שנעלער שנעלער, און נאך ליכטיקער די מאמעס געלעכטער,
און די זון שיינט העלער העלער, זי שעפט נחת פון אירע צוויי טעכטער.

## יידיש טעאטער אין לאנדאן

ביי דער פרעמיערע פון דער קאמעדיע פון הערי אריעל „ א מיידל מיט מזל" איז מען מיטגעריסן געווארן מיטן ענטוזיאזם פון דעם עולם, וועלכער האט אויסגעפילט דאס טעאטער ביי דער העקני סינאגאג ביז איבער די ברעגעס. מען איז געווען צופרידן צו קריגן א שטיי־פלאץ, אבי הערן א יידישווארט. דאס איז שוין דאס דריטע יאר ווי די לאנדאנער יידישע שוי־שפילער זיינען א וואנדער-טרופע און צו באשרייבן דעם דערפאלג איז גענוג צו ציטירן פראגמענטן פון אנ'ארטיקל פון דעם אמעריקאנער שרייבער פיליפ אלווין, וועלכעס איז געדרוקט געווארן אין „פארווערטס" דעם 21טן יוני, 1972.

„א דאנק א גרויסער פריווילעגיע איז מיר געלונגען צו קריגן צוויי צוגעשטעלטע שטולן, ווייל אלע בילעטן זיינען שוין געווען אויספארקויפט און נישט נאר זיץ־פלעצער נאר אפילו שטיי־פלעצער. עס איז געווען פול, ממש פון וואנט צו וואנט . . אומגעפער זעכציג פראצענט פון דעם עולם זיינען געווען יונגע מענטשן און ביי יעדן וויץ אדער לידל, האבן ממש די ווענט געציטערט פון די הילכיגע אפלאדיסמענטן אנדערע לידער האט אויך דער עולם מיטגעזינגען, וואס דאס באווייזט אז דער עולם פארשטייט גוט דאס יידישע לשון . . . נאך דער פארשטעלונג האט זיך מיר שטארק געגלוסט צו באקענען מיט דער טרופע און דאס איז מיר געלונגען

„דאס ערשטע האט מען מיך באקענט מיטן רעזשיסאר, מר. הערי אריעל, וועלכער איז א שטארקער קעמפער פאר דער יידישער שפראך. שרייבט אליין פיעסן, רעזשיסירט די טרופע און שפילט אויך די הויפט ראלן. דער צוויי־טער וואס איז אויך אנ'אומדערמידלעכער קעמפער פאר יידיש איז בערנארד מענדעלאוויטש, וועלכער שפילט ליבהאבער ראלן, פארמאגט א שיינעם לירישן טענאר און איז זער א סימפאטישער פערזאן. צוויי כאראקטער שוישפילער, וועלכע זיינען אויסערגעוועגליך אין זייערע ראלן זיינען דוד און מעטא סעגאל.

„א שטארקן איינדרוק האבן אויך געמאכט אויף מיר די אקטיארן

מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן. איצט קומט די שיינע יוגנט פון דעם פובליקום. זער א גוטן איינדרוק האט אויך איבערגעלאזן די יונגע און סימ־פאטישע אקטריסע אסתר זילבערבערג, ווי אויך דער אקטיאר מאקס בוים. די מוזיקאלישע באגלייטונג איז געווען אויסערגעווענליך, אנגעפירט דורך עני און סידני ראנין.

„דער אוונט וועט מיר בלייבן אייביג אין זכרון. סיי דאס שפילן, זינגען און הויפטזעכליך זייער זאפטיגער און געשמאקער יידיש וועלכער צוגייט זיך אין אלע אברים אויף צו להכעיס אלע אונזערע שונאים פון דער יידישער שפראך . . .“

וואס קאן מען שוין צוגעבן צו אזא רעצענזיע ?. . . נאר דאס אז די לאנדאנער יידן זיינען אויך מיט דער זעלבער מיינונג, ווייל זיי שטראמען אין יידישן טעאטער אריין ווי אין די אלטע גוטע צייטן. די טרופע שפילט יעדן שבת און זונטאג איך אנדערע געגנטן פון לאנדאן, אויך אין פראווינץ שטעט ווי מאנשעסטער, לידז, בארנמוט און אנדערע.

עס איז באגרוסט צו ווערן די ארבעט פון דעם לעצטן מנין יידישע אקטיארן, וועלכע פארשפרייטן דאס יידישע ווארט און גלייכצייטיג ווערט דורך זייערע פארשטעלונגען געזאמלט געלט פאר פארשיידענע וואלטעטיקע צוועקן, הויפטזעכליך פאר ישראל.

זיי זיינען איצט די אמת'ע „בלאנדזשענדע שטערן“ ווי עס האט באשריבן אונזער קלאסיקער שלום עליכם און מיר וואונשן זיך אז די שטערן זאלן קיינמאל נישט פארלאשן ווערן. י. מ.

יוסף רובינשטיין

## וועגן

אלע וועגן פירן ערגעץ, יעדער וועג באזונדער
טראגט זיין גורל אים פארהוילן, טראגט זיין שטומער סוד.
ערגעץ ווארט אפ פרייד, די טרויער, ערגעץ ווארטן וווּנדער
ס'ליגט אין יעדן וועג באהאלטן עמעצנס פירער־טראט.

יעדער וועג הויבט אן זיך ערגעץ און ווערט ווו פארענדיקט —
ס'קען זיין עמעץ ביי דעם סוף דארט ווארט אויף דיר שוין לאנג,
ווארט מיט שאטעס נאכטיק אפשר, צי מיט זון צעבליענדיקט,
נאר פארקריצט וועט אויף דעם וועג דארט בלייבן אויף דיין גאנג.



304

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1־12 (העפט 8־407) 34־סטער יאר דעצ.־יאנואר 1973 לאנדאן

אינהאלט:

„א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס און די גאנצע מעשה לאזט זיך אויס“, יאזעפוס פלאוויוס ביים שרייבן דאס קאפיטל מאסאדא *** 3
אינזער צווייטער באזוך אין ארץ־ישראל ........ מאיר ניסנבוים 8
א מצווה (ליד) ........ רבקה קאפע 10
צוויי פעלטשערס, דער שטרייקער שמואל סטאניסלאווסקי און דער צאר ניקאלאי (סקיצן) ........ יאקוב דזיערגאווסקי 10
פארן לעצטן געראנגל, דאס ווינטער ליד פון דעמב, חמשה־עשר בשבט ראש־השנה לאילנות, שמשון הגיבור און גלית הפלישתי (פראזע און פאעזיע) ........ א. נ. שטענצל 12
הערמאן פעניגשטיין ע״ה ........ בערנארד מענדעלאוויטש 23
ניינציקסטער געבורטסטאג (ליד) ........ עלא זילבערג 24
לאנדאנער קולטור ידיעות

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז: —26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד: —8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

אין מדינת ישראל האט זיך געשאפן א קאמיטעט, נישט לאנג צוריק, פון זעכצן פראמינענטע קולטור־טוער, נעמענדיק אויף זיך די איניציאטיוו אפצוראטעווען דאס יידישע לשון פון פארגעסן ווערן. ווינטשן מיר דעם קאמיטעט מוט, מזל און ברכה!

אבער אט די איניציאטיוו וועט גאר דעמאלט האבן א קיום ווען דער קאמיטעט וועט פועלן ביי דער רעגירונג, אז יידיש זאל אויך ווערן געלערנט אין די שולעס מיט קינדער. די ישראל־קינדער וואלטן נישט אנגעטראפן אויף קיין איבריקע שוועריקייטן ביי אזא לימוד, ווייל סאי עברית סאי יידיש נוצן דעם זעלביקן אלף־בית און אין דער היים הערט מען הערווייל דאך נאך, אין יעדן פאל, אסך יידיש. שאפן פאנדן ארויסצוגעבן דעם אדער יענעם שרייבערס ביכער, הגם ווינטשנסווערט און און פאר זיך, קען נישט און וועט נישט לייזן אט דאס פראבלעם פאר דער צוקונפט אן שול־אונטעררכט אין יידיש.

דאס יידישע טעאטער פארנעמט א זער חשוב ארט אין מדינת־ישראל! עס געפינען זיך דא א גאנץ שיינע צאל יידישע שוישפילער. ווי מען האט מיר איבערגעגעבן, זענען דא אן ערך זיבן־אכט יידישע טרופעס, וואס פארן ארום גאסטראלירן פון איין שטאט אין דער אנדערער און שפילן איבעראל אין געפאקטע טעאטערן, אויפפירנדיק יידישע פיעסן. איינע אזא פארשטעלונג איז דעם שרייבער פון אט די שורות אויסגעקומען בייצוואוינען אין חולון. דאס איז געווען אונטער דער דירעקציע פון ישראל וואלין, מיט אן אנסאמבל פון זעקס מענער און פיר פרויען. איינע פון זיי, א זער טאלאנטירטע שוישפילערין — מערי מאריסן — איז געהאט געקרוינט געווארן מיט אן ערשטן פרייז אויף א פעסטיוואל אין מדינת־ישראל, אויפטרעטנדיק דווקא מיט א יידיש ליד!

**י. ה. בינענפעלד** איז געשטארבן אין יידישן האספיטאל אין ווייטשעפל נאך א שווערער אפעראציע. אונזער טיפן מיטלייד צו די קינדער, אייניקלעך און קרובים פונם נפטר.

אונזער טיפן מיטלייד צו **צביה** און **אייזיק גאלדבערג** צום טויט פון איר איינציקן ברודער יחיאל שאקארסקי.

„לשון און לעבן“

די פאטא־אויסשטעלונג אין ווייטשעפל „ארט־גאלעריע“: „דאס איז ווייטשעפל“ איז געמאכט מיט קינסטלערישן געשמאק פונם באקאנטן פאטאגראפירער איען בארי. — דאס יידישע רוישיקע לעבן פונם אמאליקן ווייטשעפל און פון איצטיקן, שוין כמעט אויסגעליידיקט, נעמען א נישקשהדיק אנטייל.

די בילדער פון חיה פרידמאן אין וועלכע סגעפינען זיך א סך געמאלטע לאנדשאפט און הייליקע מקומות אין ישראל, זיינען אויסגעשטעלט אין דער ווייטשעפלער „לייבערי“.

**מיר ווינטשן דעם בעל יובל יוסף לעפטוויטש** צו זיינע שמונים, נאך א סך גוטע, געזונטע יארן, צוזאם מיט זיין פרוי, זיין לעבענס־באגלייטערין. און ווייטער אנגיין מיט זיין הייליקער עבודה.

„לשון און לעבן“



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־7 (העפט 406) 33־סטער יאר סעפ.־אק.־נאוו. 1972 לאנדאן

אינהאלט:

לכבוד חנוכה תשל״ג, די לעצטע תפילה פון אר״י הקדוש ....... ** 3
יאנוש קארטשאק (צום 30׳סטן יארצייט) ליד. ....... יאקוב דזשערנאוויסקי 9
דער חלום פון שלום אין פארכשופטן וועלדל. (א מעשה) דוד בערמאן 10
פאר מייך לאבערנום בוים. פריינט נ. רובין 72סטן געבורטסטאג
....... עלא זילבערג 13
דער טונקעלער־הומאריסטישער שרייבער אין קאירא ....... יוסף וויינשטיין 14
חלום שפיל (ליד) ....... רבקה קאפע 20
דער נישט־אנגעקומענער טאג (דערציילונג) ....... דזשיאוואנני פאפיני 21
פארן לעצטן גערנאגל, אקטאבער לידער בערנארדל ....... א. נ. שטענצל 27
דער גרויסער נס, יידישע ארטיסטן און פריינט ....... סעם גאלדבערג 36
יידיש טעאטער אין לאנדאן ....... י. מ. 39
אין אונזער גארטן (ליד) ....... רות באכנער 40
וועגן (ליד) ....... יוסף רובינשטיין 40
מוזיק ....... מאיר באגדאנסקי 41
לאנדאנער קולטור־ידיעות

**יידיש־ליטעראַרישער שבת נאכמיטאג.** יעדן שבת 3 א זייגער אין בערנאט באראן סעטלמענט העענריקעס סטר. 33, א.1, איינטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*